STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07916

TEG AZELKHE

Melech Ciemny

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מקך טשעמני

טעג
אזעלכע

מינכן

1948

מיין אומגעקומענער משפחה
— א מ צ ב ה.

רבונו של עולם, פון אלע די צרות,
א קויל מאך און שים אויף אַמאָל!
מיר וועל'מיר שפרינגען אין וואַסער,
אין פייער,
מיט „שמע ישראל!"

י. ל. פרץ

יהי זכרם ברוך!

א.

דאַכט זיך, אַז ערשט, נעכטן איז דאָס געווען:

אין „פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן". אין וואַרשע, אויף טלאָמאַצקע דרייצן. אין אַן ערב־בין־השמשות. ווען די טיפע ווינקלען פונם גרויסן זאַל נעמען זיך אויספילן מיט אָוונט. שטיי איך נעבן באַלקאָן. קוק אַראָפּ אויף דער גאַס. אויף עפשטיינס זייגער. ווערמענס ווייזער קוקן אַרויף צו מיר פון דער לעש, וויזן איין שעה, אָדער צווי פאר נאַכט־אָנקום. —

דערנענטערט צו מיר משה שימעל:

— נו, וואָס זאָגסטו. האַ. וועט זיין אַ מלחמה?

משה שימעל, דער ליטעראַטור־קריטיקער און דיכטער, איבערגעגעבענער, ערלעכער פריינט — ער שרעקט זיך פאַר דער מלחמה, דאָס פיל איך אַרוים פון זיינע גרויסע, צעעפנטע, פאַרדאגהטע אויגן, לייען איך, אַראָפּ פון זיין פנים דעם טיטול, וואָס ער האָט געגעבן צו זיין ביכל לידער: „מיר איז אומעטיק".

משה שימעל איז אומעטיק.

און דערנעבן, ביים דעק פון דער פיאַנינע, אונטערן גרויסן פרץ־בילד, שטייט הערשעלע. אַריבערגעבויגן איבער אַ קליין נאָטיצל, איבער וועלכן ער לויפט מיט אַ שפּיציקער גריוולע. דאָס זינגט אוים הערשעלע, דער פאָלקס־דיכטער, מיט דראָבנע־

רראָבנע אותיותלעך. איינס פון זיינע פריש־געשאַפענע פאָלקס־לידלעך.

קערט הערשעלע אום זיינע שוואַרצע אויגן, די שוואַרצע וואָנסע, צו אונדזער זייט, שמייכלט:

— נאָר ניט געדאַגהט; אונדז וועט גאָרניט געשען; מיר זיינען אומשטערבלעך...

בשכנות, ביי אַ טיש, שפּילן אַ שאָך דער אַלטער זאַקס און פעליקס פרידמאַן. ביידע פאַרטאָן אין דער שפּיל. פאַרגעסט זיך דער אַלטער זאַקס און נעמט רעדן רוסיש. האַלט אים אָפּ פרידמאַן, דער פאָרזיצער פון קינסטלער־פאַריין:

— איילט זיך ניט, חבר זאַקס, דערווייל דאַרפן מיר נאָך רעדן פויליש. יאָ, חבר זאַקס, פויליש...

עס ווערט ליכטיק אויפן זאַל. איך שטעל זיך אַוועק נעבן פענסטער, צווישן יוסף סמאָלאַזש און מישאַ טראָיאַנאָוו — ביידע יונגע, האַרציקע חברים אין דער שרייבער־משפחה; סמאָלאָזש — אַ צעשטראַלטער פון אַן איינגעגעבענער דערציילונג, וועלכע ער האָט ערגעץ אָפּגעדרוקט און טראָיאַנאָוו פרייט זיך מיט אַ מאַ־נוסקריפּט פון אַ ביכל פּאָעזיע, וואָס ער גרייט צום דרוק.

אויף אַ שטול זיצט ברוך משעבוצקי, טרייסלט מיט אַ האַנט איבער אַ שמאָל פּאַסיקל פּאַפּיר.

עס קומט אַריין מ. קיטאַי, דער פּאָליטישער פּליט פון ריגע און ליטעראַטור־רעדאַקטאָר אין וואַרשע.

דער פופציק יאָריקער קיטאַי האָט שטאַרק מורא פאַר דער מלחמה. ער האָט ניט קיין ווין־רעכט אין פּוילן, אָבער מיט איינס איז ער זיכער —

דער פאַשיזם מוז באַזיגט ווערן, יאָ, ער מוז!

דאָס דאָזיקע זאָגט ער מאַקע איצט צו שימעלן און גיט־צו:

— יאָ, ס'איז געקומען די צייט; די מזרח־דעמאָקראַטיע וועט באַהערשן דעם מערב־פאַשיזם...

שימעל איז פעסימיסטיש. ער גלייבט ניט.

אויף דער שוועל שטעלט זיך אַוועק מיכאל בורשטין, אַ פאַרחלומטער, אַן אינזיכדיקער. פון זיינע פּאַנאָנדערגעעפנטע

פאַרטראַכטע אויגן קוקן אַרויס: „די חורבות פון פלוני" — אָטאָ דער טיטול־קאָפּ צו זיינס אַ בוך, וועלכעס האָט פאַרגעזאָגט דעם חורבן פון פוילן, צו אים דערנענטערט יהושע פערלע. ביידע זעצן זיך אַוועק נעבן אַ טישל. ארום זיי — די פאַרזאַמלטע שרייבער. אַ יראת־הכבודיקע שטימונג.

יהושע פערלע — דער שטענדיק פאַרטועכער, שטענדיק שעפּערישער. האָט אין זיינע געציילטע, ליידיקע מינוטן באַוויזן צו שמייכלען צו יעדן, זאָגן אַ גוט וואָרט. געבן האָפנונג אַ יונגן מחבר.

*

נאַכט אין „פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן".

די טאָג־אַרבעט אין רעדאַקציע האָט זיך פאַרענדיקט. קומען אָפּרוען אויף טלאָמאַצקע דרייצן די רעדאַקטאָרן פון וואַרשעווער יידישע ציימונגען. זיצן אין אַ ווינקל לאַזאַר קאַהאַן און סטופּניצקי. שמועסן, וועגן פּאָליטיק אַמפּערן זיך. וועגן אַ לייט־אַרטיקל, וואָס איינער האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין ציימונג און דער צווייטער איז נים מסכים מיט זיינע אויספירן.

אין די שפּעטע שעהן קומט אַרויף נח פּרילוצקי. היינט דאַרף זיין אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג. פּרילוצקיס בליק נעמט אַרום אַלץ און אַלעמען. עס פילט זיך, אַ באַלעבאָס איז געקומען — אַ באַלעבאָס פון יידישן וואָרט, פון די יידישע שרייבער אויף טלאָמאַצקע דרייצן.

ב.

משה שימעל האָט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר דער מלחמה און ער האָט געהאַט פאַרוואָס צו שרעקן זיך.

איך בין געקומען צו אים אין שפּיטאָל אַריין, אין לעמבערג, ווו ער איז געלעגן מיט אַ לונגען־אנצינדונג, נאָכן אַנטלויפן פון וואַרשע.

— נו, וואָס הערט זיך — האָט ער מיר געפרעגט — האָ, וואָס הערט זיך?

איך האָב אים ניט געוואָלט דערציילן, וואָס עס קומט־פאָר ביי די „פיסמעננ־יקיוו" אין דער „קאַסינאָ־אָפּיצערסקאַ", אויף אַקאַדעמ־טשנע 10.

אָבער שימעל איז געוואָר־געוואָרן און געזיפצט:

— די מלחמה האָט מיך געטראָפן דער ערשטער. יאָ מיך...

און טאַקע אים, שימעלן, האָט זי, די מלחמה, געטראָפן זייער טיף.

ער האָט אין לעמבערג באַצאָלט פאַר זיין ערלעכקייט. פאַר זיין ריכטיקן אָפּשאַצן ניט־דערזאָגטע דיכטונג פון איינעם אַ פּראָלעטאַרישן דיכטער...

★

איידער כ'בין אַוועק פון לעמבערג, זיינען צו מיר צוגע־קומען מילטשע גרין און סאַניע הייפערמאַן — ביידע, פּראָזע־שרייבער. וועלכע זיינען שוין געשטאַנען מיט זייערע פיס פעסט אויפן באָדן פון דער יידישער ליטעראַטור.

זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז דער דיכטער, שודריך, וועט עפּעס טאָן, וועט עפּעס איינאָרדנען צוזאַמען מיט דוד קעניגס־בערגן, אָרגאַניזירן אַ יידישע סעקציע ביי די „פיסמעננ־יקיוו".

מיך האָט אָבער געטריבן פון דאָרט. מיך, צוזאַמען מיט אַנדערע, וועלכע כ'האָב באַגעגנט דערנאָך אין ביאַליסטאָק אין אַ געוועזענעם טאַנץ־זאַל און אין אַ געוואָרענעם שרייבער־פאַראיין.

דאָ האָב איך באַגעגנט די העברעאישע דיכטער, שמואל זאַראָמב און בערל פּאָמעראַנץ. דאָ האָבן זיך געפינען שלמה שיינבערג, דער זשורנאַליסט, זשיטאָניצקי. דאָ זיינען געשלאָפן אויף פּופּיק בעטלעך, אַנטלאָפענע שרייבער פון וואַר־שע פון גיהנום.

דאָ האָט מען דערציילט, אַז שמעון האָראָנטשיק האָט פאַ־ענדיקט זיין לעבן אויף איינעם אַ שאָסיי הינטער וואַרשע.

און דא האָבן אַ טייל פון די שרייבער־פליטים געוואָלט פאַרבלייבן נאָר אַליין, אַליין — און די איבריקע פאַרטרייבן. ממש אויסרייסן זיי...

...און פאַרגעקומען איז דאָס אין די לעצטע חדשים פונם נײַן און דרייסיקסטן יאָר.

און אין די ערשטע חדשים פונם פערציקסטן, האָט די ווינטער־זון זיך געטונקען אינם דניעפּער און וואָלגע מיך שטיפ־מוטעריש געוואָרעמט אין איינעם פון אַ פראַכט־וואַגאָן, וועלכער האָט מיך געפירט ערגעץ, צו איינעם אַ געוויסן פונקט.

ג.

מ'האָט מיר דערציילט, אַז מ. קיטאַי געפינט זיך אין זיין היים־שטאָט ריגע. האָב איך געשריבן צו אים אַ בריוו און דער־האַלטן פון אים אַן ענטפער —

. . . זוניק איז אין מיין לאַטוויע, יאָ, זוניק; פריי בין איך אין מיין ריגע, יאָ פריי...

האָב איך זיך געפרייט מיטן דאָזיקן בריוו:

טייערער מ. קיטאַי – מיין פריינט און רעדאַקטאָר — ווי גליקלעך בין איך, וואָס אייער גליק, איז – גליק ממש!

און ווי אומגליקלעך בין איך געווען אין עטלעכע יאָר אַרום. אינם ווייטן אוזבעקיסטאַן. ווען עס האָט מיר דערציילט דער שרייבער ג., אַז מ. קיטאַי איז ערגעץ אַרום דער שטאָט סאַמאַרקאַנד, געשטאָרבן פון הונגער; אַז אַ צווייטער. דער וואַר־שעווער דיכטער. פּטאַשקין. האָט זיך ערגעץ נאָנט אין אַן אוז־בעקיש שטעטל. אָנגעטאָן אַ מיתה־משונה.

*

אָט אַזוי איז געוואָרן ווינציקער געוואָרן ווייניק. כמעט גאָר־ניט געבליבן פון די באַשיינער איף טלאָמאַצקע דרייצן. וועמען ס'האָט. אכזריותדיק. אומגעבראַכט אַ משוגע־געוואָרענע וועלט.

זאָל בלייבן איינגעקריצט אין אונדזער זכרון זייער הייליקער אָנדענק.

יהי זכרם ברוך! מ. ט.

אַ טאָג אַזאַ

1.

דאָס איינציקע רזאיקע ווינקעלע, וואָס יוסף האָט געהאַט נאָך אַ טאָג אַרבעט ביי דער שטעפּ־מאַשין, איז געווען — ס׳פּינצטערע, אָפּגעטיילטע צימערל ביי דער מאַמע אין שטוב. און גרויס איז געווען דאָס דאָזיקע צימערל — ד׳ על ד׳: נאָר פאַר דעם הילצערנעם טאַפּטשאַן, וואָס איז געווען צוגעפּעסטיקט צוביידע זייטן ווענט.

איז ער יעדן אָוונט — אַ געוויקסיקער — פאַרבייגעלאָפן די שטוב מיט לייכטע טריט. כדי די מאַמע זאָל ניט הערן זיין אַריינקומען. און אַז ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן טאַפּטשאַן, אַוועקגעלייגט זיך מיט זיינע ניינצן יאָר הויט און ביין, האָט ער ערשט גענומען טראַכטן, גענומען זוכן אין געדאַנק עפּעס, אַזעל־כעס, מכח וועלכן ער זאָל זיין ביכולת צו זאָגן —, דאָס דאָזיקע איז מיר איינגעקריצט אין זכרון; דאָס דאָזיקע — אַ טאָג אַזאַ. איינאיינציקער טאָג, וועלכער האָט זיך פאַרדינט אים צו פאַראייביקן.

און אַ טאָג אַזאַ האָט ער קיינמאָל ניט געפונען.

וואָרום, ער, יוסף, ביז מיט אַ צוויי־דריי יאָר צוריק, האָט געגעסן „טעג" אין פרעמדע הייזער, ביי פרעמדע טישן — ווי אַ בחור פון די נאָוואַראָדקער ישיבות: אַרומגעפּאָרן, זמנימווייז, פון איין שטעטל אין צווייטן, געלערנט, פונאויסנווייניק, „מסלת ישרים", פּרקים פון „דרכי חיים", אויסגעזונגען, מיט האַרץ, דעם

יסוד החסידות דעם שורש העבודה התמימה. און געקומען איז ער צו דער מסקנה, נאָך יעדן שמועס פונם ראש־ישיבה אַז — דער ריכטיקער וואָרצל פון גאַנצקייט. פון מענטשלעכער דער־הויבונג, איז און מוז זיין — די קלאָרקייט. וואָס דאַרף זיך ביים מענטש אויסקריסטאַליזירן: מה הובתו בעולמו? — וואָס וויל ער, דער מענטש. מיט זיין לעבן אויף דער וועלט און וואָס איז ער שולדיק איר, דער וועלט. דערפאַר וואָס זי האָט אים באַשאַפן?

האָט דאָס דאָזיקע אָנגעהאַלטן. ווי ער דערמאָנט זיך, ביי אַ צען זמנים — זומערס און ווינטערס.

אַהיימגעקומען איז ער נאָר אויף אַ פסח אָדער סוכות — און צוריקגעפאָרן אינם שטעטל. אין דער ישיבה כדי דאָרט פאָרצוזעצן דעם אָנגעצייכנטן וועג, וועלכן ער האָט געפינען אין די מוסר־ספרים, דעם וועג פון אַ מושלם, אָן פגימות.

ביז איינמאָל איז געשען, אָט־וואָס:

די מאַמע האָט זיך אַרומגעזען, אַז יוסף ווערט מגושמדיק, אַז עס פעלט אין אים דער יידישער צאַפּל. ווע־כן זי האָט אַזוי ליב געהאַט וואָס זי איז געווינט געווען צו זען אין דער חסי־דישער שטוב — זי האָט געזען, אַז איר זון מאַכט ניט די נייטיקע העויות ביים דאַווענען.

האָט זי זיך אָנגעזעצט אַן אים:

— יוסף! דו טוסט זיך גאָרניט אַ טרייסל ביי דער שמונה־עשרה, האַ?

— ניין, מאַמע — האָט ער געענטפערט — דער עיקר איז די כונה.

אַזוי האָט געלערנט רב משה חיים לוצאַטי און דערמיט האָט מסכים געווען רב יוסף־יוזל הורוויץ — מכוון זיין, וואָס מען זאָגט. שטיין מיט דרך־ארץ פאַרן רבון דעלמא כולי.

אָבער זי, די מאַמע — אַ קליין ווייבעלע מיט אַ טיף שייטל אויפן אָפּגעגאָלטן קאָפּ שאַרבן — האָט דערמיט ניט מסכים געווען און באַשלאָסן: געענוג. יוסף בלייבט אינדערהיים.

אָבער אינדערהיים איז ער ניט געבליבן. ער איז אַוועק

פאַרענדיקן דעם לימוד אין דער ישיבה פון רב קלונימוס — דעם רבין פון פיאַסעטשנע, וואָס האָט געוווינט אין וואַרשע.

דער דאָזיקער איבערגאַנג זיינער, פונם מתנגדישן מוסר־ספר ביז צו דער חסידישער התלהבות, האָט אַוועקגעשטעלט יוספן על פרשת דרכים:

דער ערשטער זומער, וואָס ער געפינט זיך אין וואַרשע, אין גרויסשטאָטישן טומל — אפשר זיך טאַקע אַריינוואַרפן אינם דאָזיקן הו־האַ פון לעבן?

אין זיין מח האָבן גענומען עגבערן ספיקות:

דער יוצר־הכל איז דאָך נאָר איינער — אתה אחד — פאַרוואָס־זשע זאָלן נים טראַכטן ס׳אייגענע, וועגן דעם „אחד". זיי ביידע, דער מחבר פון „מסלת ישרים" און דער מחבר פון „דברי אלימלך"? אמת, צווישן זיי ביידע, דעם מוסרניק און חסידישן רבין, איז נים געווען קיין גרענעץ אין שייכות צו שלימות, גאָטהיים — אָבער פאַר יוספן איז דאָס דאָזיקע געניג געווען, אַז ער זאָל ווערן אַריינגעוואָרפן אין טראַכטענישן און אַז ער זאָל זיך מיט די דאָזיקע ספיקות טיילן מיט אַ חבר און דער חבר זאָל איינמאָל צו אים אַ זאָג טאָן:

— שטעל זיך פאָר, יוסף: איך האָב דיך נים ליב — קענסטו מיך צווינגען, דיך צו ליבן?

— וואָס ווילסטו דען דערמים זאָגן? — איז יוסף געווען משעקאָווע צווויסן.

— אַנטקעגן דעם מיין איך צו זאָגן — וואָס גאָט באַפעלט, מען זאָל אים ליב האָבן, אויב נים — ועצר את השמים ולא יהיה מטר... פאַרשטייסט אַן איינפאַל: ער וועט מיך אויסהונגערן — און אַן עק!

יצחק האָט ער זיך גערופן, דער דאָזיקער חבר, אַ בחור מיט לאַנגע, רויטע באַקן און אַזאַ נאָז, צוזאַמענגעשטעלט פון בלויז ביין.

אין די אָוונטן זיינען זיי געגאַנגען ביידע שפּאַצירן איבער וואַרשעווער גאַסן, הנאה געהאַט פונם טראַאוגוט־פּאַרק, פון

זיינע שמאָלע שטעגעלעך. וואָס האָבן פאַנאַנדערגעשניטן ס׳פאַר־טריקנטע גראָז אויף צוויי העלפטן.

ווען וואָס זיי האָבן געשמועסט? ווען בין־השמשות און זון. ווען טאָג־אויפגאַנג און נאַכט־אַנקום — ווען אַלץ. וואָס האָט אַ שייכות מיט מענטש, מיט ווערט פון אַ מענטשלעך לעבן.

נאָך אַזעלכע שמועסן, ווען יוסף איז געקומען אַהיים, האָט די מאַמע געפלעגט באַמערקן, אַז די עטלעכע ווייכע הערעלעך. וואָס האָבן פאַרדעקט די לעבער אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן און שפיציקער גאָמבע — אַז די דאָזיקע הערעלעך ווערן ווינציקער פון טאָג צו טאָג, אַז יוסף גייט אַראָפּ פון דרך־הישר — ווערט אויס־ייד.

— וואָס־זשע דאַרף איך דיך האַלטן אויף מיינע פּלייצעס? — איז זי געקומען צום אויספיר — ביזט ניט קליין צו גיין אַרבעטן. ביזטו ניט קליין!

און יוסף האָט זיך אויסגעלערנט קאָמאַשנשטעפּעריי. אַן איידל פאַך — האָט די מאַמע שלום געמאַכט מיטן גורל — מסתמא איז דאָך אַזוי זיין רצון.

אַוודאי איז אַזוי געווען זיין רצון. דעם רבונו של עולמס. וואָרום. אַנדערש האָט עס שוין ניט געקענט זיין: יוסף האָט גענומען דורכלאָזן אַ מנחה־ומעריב. גענומען פאַרגעסן צו לייענען קריאת־שמע. און אַז זי, די מאַמע, האָט איינמאָל באַמערקט — יוסף גנבעט זיך אַרויס אינדערפרי, ניט לייגנדיק די תפילין, האָט זי זיך אין אָוונט אַוועקגעזעצט נעבן זיין טאַפּטשאַן. פאַרפירנדיק מיט אים אַ שמועס:

— האַ, יוסף, אָפּגעמאַטערט זיך אַ לעבן פאַרן טייוול, האַ? וואָלט דען ניט גלייכער געווען. ווען אויף דיין אָרט וואָלט גע־בוירן געוואָרן אַ שטיין, אַ האָלץ!?

— וואָס־זשע וואָלסטו געהאַט דערפון. מאַמע?

— וואָס איך וואָלט געהאַט? אַז האָבן זאָל איך נאָך דיר פופציק ברעך.

דערמיט האָט עס זיך געענדיקט. און מיט דעם האָט יוסף,

יעדע נאַכט איינגעגראָבן זיין צעשויבערטן קאָפּ אינם בינטל ברו־דיקע פעדערן, אויף זיין טאַפּטשאַן.

אוים ייד! צי הייסט דען אַן ענגלענדער. אוים ענגלענדער. אָדער אַ פּאָליאַק. אוים פּאָליאַק. אויב ער גייט נים אין קאָשטשאָל אריין? וואָס פאַרא סמיכות הפּרשות? יוסף איז אַ ייד. רעדט יידיש. לייענט יידישע ביכער. אדרבא. אַ דאַנק זיין חבר יצחק. גיט ער אַוועק זיין גאַנצע ענערגיע. זיין יוגנט, כדי צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון יידישן פאָלק... יידיש פאָלק און פּויליש פאָלק און ענגליש פאָלק — אַלע פעלקער זיינען גלייך, אַלע פעלקער לעבן זיך אוים אויף זייער שפּראַך, זיינען נאַציאָנאַל לויטן אינהאַלט און סאָציאַל לויט דער פאָרם... — אַזוי הערט ער. יוסף, אין פאַריין ביי די קאַמאַשנשטעפּער און אַזוי שמועסן זיי ביידע צווישן זיך, ער און זיין רויט־באַקיקער חבר, אין די אָוונטן נאָך דער אַרבעט.

וואָס־אמת איז יוסף אייניק צופרידן פון דער שטעפּ־מאַשין, וועלכע מאָגערט אים אוים, ציט אַראָפּ פון אים, פּאַסגוויז, דאָס לעצטע ביסל פלייש. וואָס הענגט נאָך אויף זיינע ביינער. אָבער צו עפּעס אַ תכלית מוז ער דאָך קומען, מוז זיך דאָך אַריינפּאַסן אין לעבן — אינם לעבן, וועלכעס, ווי עס זאָגט זיין חבר יצחק וועט און מוז ברענגען אַ בעסערן מאָרגן פאַר אַלע מענטשן, פאַר אַלע פעלקער גלייך...

ליגט ער, טאַקע, יוסף, אויפן טאַפּטשאַן און טראַכט וועגן זיין היינטיקן טאָג:

אַוועק אינדערפרי פונם הארטן געלעגער צו דער שטעפּ־מאַשין און אין אָוונט — פון דער מאַשין צום טאַפּטשאַן. אַזוי ציען זיך שוין חדשים — דאַכט זיך, יאָרן. און דער נעכטן, ווי איז אַוועק פון אים? — זיך געוואַלגערט ביי פרעמדע טישן, אין פרעמדע הייזער! ניין, נים דער נעכטן איז געווען גוט. אויך דער היינט טויג נים. מאָרגן וועט קומען אַ טאָג אַזאַ, אַ ליכטיקער. פול מיט זון, וואָס וועט אויפלייכטן פאַר אַלע מענטשן גלייך...

דאָס דאָזיקע זאָגט ער אויך דער מאַמע זיינער.

און זי, די קליינע, פֿאַרדאַרטע מאַמע מיטן גרויסן שייטל אויפֿן נאַקעטן שאַרבן, האָט שוין פֿונלאַנג געמאַכט שלום מיטן גורל:

מסתּמא איז דאָך אַזוי זיין רצון...

2.

און יוסף האָט זיך דערוואַרט אויף איינעם אַ טאָג אַזאַ:

וואַרשע איז איינגעהילט אין רויך. אין שטויב, פֿון ברענענדיקע, איינפֿאַלנדיקע מויערן. היטלער טרעט אויף מענטשן און אויף דעם, וואָס מענטשן האָבן געשאַפֿן. דער נעכטן ליגט אַ צעטרעטענער צוזאַמען מיטן היינט. אויך דער מאָרגן וואַרט אויף היטלערס שטיוול — די האָפֿנונג. וועלכע האָט געגעבן מוט יוספֿן צום ווייטערדיקן לעבן, איז צערינען פֿון זיינע אויגן פֿאַרשווונדן פֿון זיין טראַכטן. און יצחק, דער חבר וואָס האָט אים אַמאָל געוויזן דעם נייעם וועג אין לעבן. דעם וועג — אַז איין מענטש צום צווייטן מוז האָבן פֿאַרדינסטן, כּדי אים צו קענען ליבן — אויך יצחק פֿאַרטרייבט איצט פֿון זיך די דאָזיקע ליבע. דאָס אַלץ איז אַבסטראַקט — זאָגט ער היינט — אַבסטראַקט דערפֿאַר, ווייל — ואהבת לרעך כּמוך — זאָלסט דעם חבר ליבן. אמת, — אָבער נים שטאַרקער פֿון זיך אַליין. און כּדי צו פֿאַרהיטן דעם דאָזיקן „זיך" — איז ער, יצחק, געוואָרן אַן אָנפֿירער אין אַ „שאָפּ", וווּ עס אַרבעט יוסף. וווּ עס אַרבעטן הונדערטער יידן ביי שטעפּ־מאַשינען, וועלכע פֿאַרטיקן־אויס שטיוול פֿאַר דעם משחית, פֿאַר די, וואָס צעטרעטן מיט די דאָזיקע שטיוול יידישע לעבנס.

אָט ערשט האָט זיך די געשיכטע געטאָן אַ רוק אויף צוריק, אַריבערגעשפּרונגען די „זמנים". וואָס יוסף האָט גענעסן „טעג" אין קליינע שטעטלעך, זמנים צעבליטע. וועלכע האָבן געשמעקט מיט קץ, מיט אין־סופֿיקייט. עס זיינען פֿאַרשווונדן פֿינף הונדערט יאָר וועלט־באַשאַף, צוריקגעגאַנגען צו טאָרקוועמאַדאָ; צוויי טויזנט יאָר יידישער חורבן האָבן זיך פֿאַראייניקט

אין געציילטע טעג. און אפשר דאַרף זיך ערשט פאַר דעם ייד אויסקלאָרן — מה חובתו בעולמו? צי האָט ער אָפּגעצאָלט דעם חוב, וואָס ער האָט זיך באַשולדיקט צום וועלט־באַשעפער?

די מאַמע, יוספס, זאָגט, אַז יאָ.

אַוודאי האָט ער, דער ייד, פיל געזינדיקט, ווידערגעשפּעניקט קעגן אַלמעכטיקן — אַ גרויסער בעל־חוב געווען; ניט געדאַנקט, ניט געלויבט, ניט געליבט דעם באַשעפער — דאָס איינציקע, וואָס דער רבונו של עולם האָט פאַרלאַנגט פונם ייד פאַר זיין טרחה. פאַר זיין באַשאַפן אים — דעם אויסדערוויילטסטן פון אַלע גוים. און ווי לאַנג קען וואַרטן אַ בעל־חוב? ס׳האָסטו געהאַט דור הפלגה, אַ מבול חורבן בית־ראשון, בית שני — אַלץ געווען. דערמאָנט: צאָל־אָפּ דעם חוב! דערמאָנט דריי טויזנט יאָר, דערנאָך נאָך צוויי טויזנט. צוזאַמען — פינף טויזנט מיט עטלעכע הונדערט — און אַלץ אַ בעל־חוב געבליבן. עס קשה עורף... און איצטער — נעמט דער באַשעפער צוריק דאָס, וואָס ער האָט געשאַפן.

יוסף ליגט אין די אויונטן אויפן טאַפּטשאַן, פילט ניט די האַרטקייט פון די ברעטער אונטער זיך; וויים ניט וועלכעס עס דריקט אַזוי אונטער אים: דאָס האַרטע האָלץ, אָדער די פאַרטריקנטע ביינער, וואָס שטאַרן אַרויס פון זיין גוף. די מאַמע שטייט איבער אים רעדט. וועגן פאַרגאַנגענע ליכטיקע טעג און נעכט, וועגן אַ לעבן אין ישיבה אין אַ חסידישער היים.

און יוסף הערט ניט איר רייד. אין זיינע געדאַנקען פאַרנעמט איצט אַן אָרט דער „מסלת ישרים”. דער „דברי אלימלך”. ער זעט ניט אין ביידע קיין חילוק, קיין גרענעץ. דער מתנגד און דער חסיד — ביידע דינען צום בורא עולם, ביידע זיינען יידן. בלויז ער, יוסף, איז געוואָרן אויס־ייד, האָט געפּאָלגט דעם חבר זיינעם יצחקן, אַנדערע חברים. אָפּגעשטויסן, מיט זייער הילף, דעם עבר, געוואַרט אויפן עתיד. און אָט איז ער נעקומען דער געהאָפטער טאָג, אין וועלכן ס׳האָבן זיך פאַראייניקט אַלע משחיתים. אַלע גוים — זיך פאַראייניקט קעגן דעם. וואָס רופט זיך — ייד; ס׳איז אויסגעקומען פונקט דער היפוך. ווי ער האט

געהערט אין שטעפּער־פּאַריין, ווי עס האָט אים פאַרגעשטעלט זיין חבר. יצחק.

און התלהבותדיקער ברען נעמט אים אַרום, אַ ברען, וואָס איז אויסגעמישט מיט געדאַנקען פון רב משה חיים לוצאטי, דעם מוסרניק און רב קלונימוס־קלמן, דעם חסידישן רבין פון פּיאַ־סעטשנע. שפּרונגט ער אַראָפּ פון טאַפּטשאַן. די מאַמע טרעט־אָפּ פון אים אַ דערשראָקענע.

יוסף צעזינגט זיך מיטן ניגון. וועלכן ער האָט פּאַרוואָרפן שוין פינף־זעקס יאָר, צעזינגט זיך, ווי נאָך אַ שמועס פון ראש-ישיבה אין דער נאָוואַראָדאָקער ישיבה, ווי נאָך אַ „טיש" ביים פּיאַסעטשנער רבין:

— און איי־איי־איי! און ביי־ביי־ביי! יסוד החסידות ושורש העבודה התמימה הוא — שיתברר ויתאמת אצל האדם: מה חובתו בעולמו! מה חובתו... האַ־איי־איי!

דערנאָך דריקט ער צו צו זיך דער מאַמעס אָפּגעגאָלטן שאַרבן. איר טיף שיימל, רעדט אַריין אין איר:

— רעכט האָסטו געהאַט. מאַמע, רעכט: בעסער וואָלט אויף מיין אָרט אַ שטיין געבוירן...

און צומאָרגנס קושט ער לאַנג די תפילין, דעם „של־ראש", דעם „של יד", צערטלט זיי, בעט ביי זיי מחילה. זוכט מיט פאַרטרוקנטע ליפּן, דאָס אָרט, ווו עס דאַרף זיך געפינען דער „ואהבת את ד׳ אלהיך". כ׳בין דיר שולדיק אַ חוב. רבונו של עולם שולדיק... איצט וויל איך דיר אָפּצאָלן, אָבער — שוין צו שפּעט...

אַזוי יעדן פרימאָרגן.

און אַזוי לויפט ער איבער דער געטאָ, צום „שאָפּ", טרעפט זיך דאָרט מיט יצחקן.

— עס ווערט ווינציקער מענטשן. יוסף — באַגעגנט אים זיין חבר, אָן אַ גוט מאָרגן — מען דאַרף אַרויספּאַרטיקן די אַרבעט דאַרף מען. פאַרשטייסט — אַרויספּאַרטיקן!

פון „שאָפּ" פירט מען אַרוים יעדן טאָג מאַשינען, די יידן, וואָס האָבן זיך נעכטן געבויגן איבער זיי. ווהין? יצחק זאָגט —

אויף אַרבעט אין אַ צווייטן „שאפּ", אין אַ גרויסער פאַבריק. אָבער קיינער גלייבט אים ניט: מען ווייס, אַז די יידן פירט מען אויף טויט; אַז אויך אויף די איבריקע וועט קומען די ריי — אויך אויף יצחקן. דעם באַלעבאָס פון די איבער פופציק יידן־סקעלעטן, וואָס אַרבעטן פאַר דעם משחית.

וואָס וויל ער, יצחק דער בחור מיט דער לאַנגער ביינער־דיקער נאָז? ער וויל לעבן. איז זיכער, אַז סוף־כל־סוף, וועט קומען דער טאָג, ווען אַלע מענטשן וועלן לעבן, ווי ברידער, יאָ, אַלע. און איצט? איצט מוז מען ראַטעווען ס'איינגענע לעבן, מוז מען אַרויספּאַרטיזן די באַשטעלונגען, וואָס עס גיט אים די „אָבערקאָמאַנדאָ".

— אַרבעטן! — שטורעמט ער — אַרבעטן! דורך אַרבעט וועט איר ראַטעווען אייער לעבן!

— און דיין לעבן? — פרעגט אים אַמאָל יוסף.

— פאַר מיר האָסטו ניט, וואָס צו דאגהן.

— איך וויל אָבער יאָ דאַגהן פאַר דיין לעבן, יצחק, כדי דו זאָלסט אויך דאגהן פאַר מיין לעבן.

— דו, יוסף, קענסט מיך ניט צווינגען. אַז איך זאָל דיך ליב האָבן, אַזוי איך דיך ניט און אַזוי גאָט — אונדז ביידע ניט.

— ביזט אַן אויסוווּרף, יצחק! — האָט יוסף געטאָן אַ טרייסל זיין אויסגעדאַרטן קערפּער קענען זיין חבר — אויב שטויסטו מיך אָפּ, שטויסטו אָפּ אַלע יידן, וואָס. ווי דו ביזט זיכער, אַז זיי אַרבעטן פאַר דיין לעבן; אונדז אַלעמען בינדט איין יידישער גורל, איין יידישער גאָט... און דו... און נאָך אַזעלכע. ווי דו...

— שווייג! — האָט יצחק אַ געשריי געטאָן.

און שוין.

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער לעצטער שמועס צווישן ביידע חברים.

ס'האָט איינער, אַ בין־השמשות, אָפּגעטרעטן זיין פּלאַץ פאַר דער שוואַרצער נאַכט. זי גלאָזט איינשליינגען אין זיך די אַרויסשטאַרנדיקע קוימענס פון איינגעפאַלענע מויערן אין דער וואַרשעווער געטאָ, איינגעקורטשעטע, קליינע מענטשן־שאָטנס

האָבן זיך געדראַפּעט אַרום איינגעוואַלגערטע ווענט, געשטראָמט אין שטיבער־לעכער, נאָך אַ טאָג אַרבעטן אין „שאָפּ“.

יוסף איז אַהיימגעקומען. זיין קאָפּ — אַ געמיש פון גע־דאַנקען; זיינע געדאַנקען — אָן אַ צוזאַמענבונד, איינע פליט איבער דער צווייטער, יאָגט אַריבער אַ דריטער.

וואָס וועט זיין?

— וואָס וועט זיין?

אין שטוב איז פינצטער. ער דערשלאָגט זיך צום טאַפּטשאַן. הערט זיך איין צום זשומען פון אַ פליג, וויל דוקא הערן דאָס אָטעמען פון דער מאַמע, וויל מיט איר שמועסן, ווי יעדע נאַכט, זי טרייסטן — און אפשר וועט ער געפינען אין אירע רייד, אויך אַ טרייסט פאַר זיך.

מרה־שחורהדיקע נעכט. סכנותדיקע טעג. דער וואָלף איז געלאָזט געוואָרן אויף הפקר. פרעסט ער די שאָף, געבליבענע בלא רועה...

— מאַמע! וואָס וועט זיין, האַ, מאַמע?

און קיינער ענטפערט ניט. שאַ. אַ שטילקייט. וואָס לע־כערט דעם מח, אַ שטילקייט, וואָס מאַכט משוגע, פרעסט דעם מאַרך, זויגט זיך איין אין בלוט.

— מאַ־מע!

און אפשר איז זי אַוועק צו אַ שכנטע, צו אַ שכן, אָבער קיין שכנים זיינען שוין ניט בנמצא אין דעם דאָזיקן הויף. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען אַלעמען אַרויסגעפירט, אַוועקגע־פירט ערגעץ. בלויז די מאַמע איז נאָך געבליבן. געבליבן דערפאַר ווייל אימעצער, דאַכט זיך, יצחק, האָט צוגעזאָגט אַ טובה צו טאָן...

אַ שטראָם מיט הייסע טרערן געבן אַ פלייץ אויף יוספס פנים. פלייצן פון אַלע לעכער. באַניסן זיין ביינער־בונט. ער לויפט אַרום איבער די שטוב־ווינקלען — איבער די ליידיקע ווינקלען, וועלכע עס האָט נעכטן אַ מאַמע אויסגעפילט, אַ מאַמע... און היינט?

— מ אַ א א ־ מ ע ע ע!

יוסף האָט אַ טרעט געטאָן אויף אַ ווייכער זאַך. ער האָט אויפגעהויבן דער מאַמעס שייטל — אַ קופּע האָר, היילקע האָר, וואָס האָבן ערשט נעכטן און נאָך היינט פאַרדעקט אַ מאַמעס קאָפּ...

— — — — — — — — — — — — — —

יוסף איז שוין מער נים געגאַנגען אין „שאָפּ" אַרבעטן.

איצט איז ער אַרומגעלאָפן איבער די חורבות אין געטאָ, געזוכט צווישן גרוז.

וואָס האָט ער געזוכט ?

אַן אָנדענק פון פאַרגאַנגענע יאָרן, אַ טאָג, איינאיינציקן טאָג, וועלכער זאָל בכח זיין צו פאַרגיטיקן זיין קעגנוואַרט.

און געפינען האָט ער דעם דאָזיקן אָנדענק אין קופּעס אַרומגעזענקטע שמות, אַרומגעשרפעטע ספרים. און ווען צווישן זיי האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ בלעטל פון „מסלת ישרים", פון „דברי אלימלך", האָט ער דאָס אַרויסגעצויגן מיט ציטעריקע פינגער, לאַנג עס געדריקט צו זיין פאַרוואָקסן פנים און, דער־מיט, אַרומגעשפּאַנט איבער די געסלעך אין געטאָ, שרייענדיק:

— יידן! מיר האָבן געזינדיקט... מיר זיינען שולדיק אַ חוב...

און געטאָ־יידן האָבן דערויף געטרייסלט מיט פאַרצווייפלטע קעפּ, וואָס דאָס האָט געהאַט צו זאָגן:

היינט ער, מאָרגן — איך...

יאָ, פיל יידן האָבן, טיף אין זיך, מקנא געווען יוספן, אים מקנא געווען דערפאַר, וואָס ער לעבט מיט אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט אַ חסר־דעהדיקע — אַ וועלט מיט משונהדיקע גע־דאַנקען, וועלכע זיינען בכח צו פאַרטרייבן פון זיך די שרעק, פאַר אומקום פון תליונס האַק.

און דאָס טאַקע איז געווען יוספס איינציקער נצחון, מיט וועלכן ער האָט באַזיגט די היטלער־חיה — די חיה, וואָס האָט אים געוואָלט דוקא שלעפּן צום פאַרברענען — אָבער ער האָט זי אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט דערמיט, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין נשמה אויף אַ קופּע שמות.

און דאָס האָט געזען יצחק, זיין חבר, געזען האָט ער דאָס דערמלט, ווען מ׳האָט אים געפירט, צוזאַמען מיט זיינע „שאפ״־אַרבעטער, אַרויס פונם „שאפ״.

— רעכט האָסטו געהאַט, יוסף מייערער — האָט יצחק געברומט אין דער זייט, ווו ס׳איז געלעגן זיין טויטער חבר — רעכט האָסטו געהאַט. ווען דו האָסט מיר געזאָגט דאָס לעצטע מאָל: „מיר, יידן, קעמפן פאַר אַ פרייען מארגן, אָבער ער, דער מאָרגן, בלייבט ביי זיי, ביי די גוים״...

איצט איז געוואָרן רואיק אין געטאָ־געסלעך. א שטילקייט, ווי בשעת אַ בכבודיקער לויה. מ׳האָט שוין מער ניט געהערט דעם משוגע־געוואָרענעם יוספס קולות, זיין משונהדיק לאַרמען:

— ניין, יידן, ניין... כ׳וויל ניט זיין ככל הגוים...

מינכן, מאַי, 1947.

אין אַ בין־השמשות

פאַרגעקומען איז דאָס אין „יענע טעג“:

אין דאָרף איז רואיק, שטיל, אַ שטילקייט. ווי בשעת אַראָפּנעמען דאָס ברויט פון די פעלדער, ווען פויערים זיינען פאַרנומען מיטן שניט, מיטן צונויפבונדן די סטויגעס אויפן פעלד.

ליגט ס'דאָרף פאַרזונקען אין בלאָטע, אַרומגערינגלט מיט טריפנדיקע דעכער אויף האַלב־איינגעפאַלענע כאַטעס, נאָכדעם, ווי די זון צעוואַרעמט דעם שניי, וואָס צעלייגט זיך אויף זיי איבער נאַכט.

קיין זכר פון פויערים אין דאָרף.

איצט ליגן ערגעץ די באַלעבאַטים אין אָקאָפּעס, אָדער פילן־אָן מיט פולווער דייטשע באָמבעס אין הימלערס טויט־פאַבריקן.

איז שטיל אויפן דאָרף, רואיק, ווי רואיק עס ליגט ס'נאָענטע דאָרפישע צמענטאַרל, דער ברידער־קבר, ווו עס זיינען פאַרשיט די יידן פונם שכנותדיקן שטעטל.

פון צייט־צו־צייט איילט פאַרביי, איבער אַ גליטשיק שטע־געלע, אַ פויערטע מיט „נאָשעס“ איבער די אַקסלען, פאַרשווינדט ערגעץ צווישן די כאַטעס.

און דאָס אַלץ.

ס'דאָרף זינקט אין אייגענעם אומעט, אין שרעק פאַר דער אָנקומענדיקער שעה, פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

זיצן פויערטעס פֿאַרשטעקט אין געפּרוּוירענע הייזקעס, טוליען זיך אויף הילצערנע בעטן, צווישן קופּעס ברודיקן בעט־געוואַנט. צלמנדיק זיך אַ גאַנצן טאָג מיט פֿאַרדאַרטע פֿינגער איבער פֿאַרטרוקנטן האַרץ און מח.

עס טרעפֿט:

שכנות באַגעגנען זיך ביים דאָרפֿישן ברונעם, וואַרפֿן זיך איבער מיט פֿאַרדאגהטע בליקן. שמועסנדיק צווישן זיך. מכּה דעם אומגליק. וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן דאָרף. פֿילמאָל גיין פויערטעס צוגאַסט איינע צו דער אַנדערער. זיצן־אָפּ אָוונטן נעבן פֿאַרטייעטע פענסטערלעך, קוקנדיק אין חושך, וואָס פֿאַר־שלינגט זייערע כאַטעס.

בלויז זי. האַלינאַ, דעם אַלטן פֿאַנטליים שנור, זי זיצט גאַנצע טעג איינע אַליין אין איר נידריק שטיבל, רייניקט־אָפּ דעם שפּינוועבס פֿון אונטערן סופֿיט, אָדער ווישט אַרום די איקאָנע. וואָס הענגט איבערן אויוון. זי איז אַ פֿרומע, האַלינאַ, אַ גאָטספֿאָרכטיקע. דאָס דאָזיקע דערקענט מען אָן איר בלאַס פּנים, גרויסע, צעעפֿנטע אויגן. אויך דאָס בלישטשענדיקע צלמל. וואָס טאַנצט אַרום איר האַרץ. דערציילט, אַז זי פֿאַרמיידט ניט קיינמאָל גיין אין קלויסטער. ווו זי פֿאַרשטעקט זיך דאָרט ערגעץ אין אַ ווינקל. דאַוונט פּרום פּרום. אויך בשעת א לויה אין דאָרף גייט זי נאָך שטיל. מיט אַ פֿאַרטרויערט פּנים. און לויות זיינען איצט זייער פֿיל אויפֿן דאָרף. אַן אומגליק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער וועלט. די דייטשן נעמען־צו ס׳לעצטע קעלבל. ס׳לעצטע שטיקל ברויט. ווערט מען טאַקע געשוואָלן פֿון הונגער. שטאַרבט מען מיט שווערע בויך־קראַמפּן. מיט פֿאַרשטיקטע קולות, צוזאַמען מיט די דאָרפֿישע הינט. וועלכע וואַלגערן זיך אין דער בלאָטע. נאָך וואָכן־לאַנג הונגערן. אין זייערע לעצטע גסיסה־רגעס.

אויך מיט אַזאַ טויט איז אויסגעגאַנגען דער אַלטער פֿאַנטליי. האַלינאַס שווער.

און דער מאַן איהרער. וולאַדעק, דעם אַלטנס זון, ער איז שוין לאַנג ניט דאָ אינדערהיים.

די דייטשן האָבן אים אַוועקגעפירט שוין ס'צווייטע יאָר.

זיצט זי. איינע אַליין, אין איר האַלב־צעפאַלענער כאַטע, איינגעהילט אין אָפּגעטראָגענע שמאַטעס, אין דעם חושך, וואָס שפּאַרט פון די פאַרסאַדזעטע ווענט. און עסן וויל זי, האַלינאַ. זי איז נאָך יונג. סך־הכל איבער די צוואַנציק.

שפּאַנט זי, פון צייט־צו־צייט. אַוועק פון דאָרף, איבער זייטיקע וועגעלעך, צו דעם נאָענטן שטעטל.

— האַלינאַ זאַגורסקאַ

אַזוי איז איר נאָמען פאַרשריבן אויפן פּאַפּירל, וואָס זי האָט באַקומען אין דאָרף. אויף וועלכן ס'געפינט זיך די חתימה, דעם ג'חס פון דער דאָרפישער פּאַראַפּיע.

האַלינאַ איז אַ קריסטין, אַ קאַטוילישע. דערויף זאָגט עדות דער גרויסער בלישטשענדיקער צלם. וואָס וואַרפט זיך אַרום דער איינגעריסענער קלאַפּע פון איר טאַטנס פּאַלטן, אין וועלכן זי איז איצט איינגעהילט. און אַז זי גייט אין שטאָט אַריין טרעט זי אין דער בלאָטע מיט געלאַסענע טריט. מיט פאָרזיכטיקע בליקן אַרום זיך. ס'איז בעסער. אַז מ'זאָל זי ניט זען. זאָל קיינער ניט וויסן, אַז דאָס גייט זי אין שטאָט אַריין זוכן עסן; אַז אָט באַלד. וועט זי זיך אַוועקשטעלן נעבן דאָרפישן צמענטאַרל. נעמען וויינען כליפּען. ווי אַ קליין קינד. ווען די מאַמע האָט עס איבערגעלאָזט אַליין.

און אינדערעמתן טוט איר. האַלינאַן, לגמרי ניט ווי דאָס צמענטאַרל. זי האָט דאָרט ניט קיינעם. אירע בליקן זיינען בלויז איינגעשטאָכן אויף אַן אָנגעשאָטענער ערד־קופּע, וואָס הייבט זיך לינקס פונם צמענטאַר. נענטער צום שטעטל.

דאָרט ליגן די יידן פון שטעטל. וועלכע די דייטשן האָבן באַגראָבן.

האָט זי מורא זיך אָפּצושטעלן נעבן דער דאָזיקער ערד־קופּע: טאָמער וועט זי אימעצער זען. אַרויסלייענען פון אירע פאַרטרויערטע אויגן דעם ווייַ פאַר נאָענטע — דעם טרויער פון אַן אויסבאַהאַלטן יידיש מיידל, איבער דעם אומקום פון אַ שטעטל יידן.

שטייט זי נעבן צמענטאַרל, האַלט אין דער האַנט די איינגעריסענע קריעה־קלאַפּע פונם טאַטנס פּאַלטן, שטיקט זיך מיט טרערן, הערשעט. הערשעט און עס ווערט איר. בשעת־מעשה, לייכטער אויפן האַרץ.

אין אַזעלכע טעג, נאָכן צוריקומען פון שטעטל. זעצט זי זיך אַוועק אויפן הילצערנעם בעט און, צום וויפילסטן מאָל, דערמאָנט זי זיך, ווער זי איז איצט. ווער זי איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק — איר אָפּשטאַם. דאָס אויסזען פון די עלטערנס הויז אינם נאָענטן שטעטל; אויך – יענעם סכנותדיקן בין־השמשות, ווען ווען זי גענרבעננט דאָ אַהער. אין דאָרף אַריין.

און אָט. וואָס עס שטייט פאַר אירע אויגן:

דאָס הייזל קוקט אויפן שאָסיי. פאַרביי דעם געסל ציען זיך אָנגעפּולטע פויערשע פורן. ווען, נאָכן אויסליידיקן זיך אויפן שטעטלדיקן מאַרק. האָבן אין די אָוונטן איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ הילכיק גרילצן. לויפנדיק איבערן שטיינערנעם ברוק צוריק אין דאָרף אַריין.

אין אַזעלכע טעג האָט זי. הינדע. געפּלעגט שטיין ביים פענסטער, געקוקט אויף דעם טומלדיקן שאָסיי. געהערט דעם רעש פון מאַרק. געזען די רחבותן פון פעלדער, וועלכע האָבן זיך געצויגן העט־ווייט. צוזאַמען מיטן באַרגיקן שאָסיי־וועג. ס'האָבן דאַן ניט געדריקט אויף איר אַזוי שווער די אַכצן יאָר. ווי איצט. כאָטש פון דעמלט־אָן איז איר צוגעקומען סך־הכל צוויי יאָר מיט עפּעס. ערשט. מיט אַ קורצער צייט צוריק, איז נאָך הינדע געווען כמעט אַ קינד, האָבן טאַטע־מאַמע זיך געשפּיגלט אין אירע קיילעכיקע באַקן. לאַנגע, געפלאָכטענע האָר.

און אַז טאַטע־מאַמע זיינען אַוועק, מער ניט צוריקצוקומען — אַז די היטלער־מגפה האָט זיך פאַנאַנדערגעלייגט איבערן שטעטל — האָט אויף איר גענומען דריקן אַ מאַסע. אַן אַלטקייט.

ספּעציעל. טאַקע. אין יענעם בין־השמשות. ווען זי איז געשטאַנען ביים פאַרהאָנגענעם פענסטער. אַרויסגעקוקט דורך אַ שפּאַרע אויף דער גאַס.

צי וועט זי דורכלעבן דעם היינטיקן אָוונט, וועט זי זיך ניט איינברעכן, ווי אַ יונג ביימל נאָך עטלעכע קלעפּ פון דער האַק?

היינט האָט מען באַפוילן אַלע יידן, קומען אויפן שטעטל־דיקן מאַרק. קיינער טאָר ניט פאַרשפּעטיקן. ניין, מען טאָר ניט. היינט איז דער לעצטער טאָג. באַלד וועט מען דורכפירן די יידן פאַרביי דעם שאָסיי־וועג. אַוועקפירן זיי ערגעץ. וווהין?

וואָס־זשע האָט זי דאָן געדאַרפט טאָן, די יידישע הינדע? אָט, דאַכט זיך איר, אַז מען וואַרט־אויף איר דאָרט, אויפן שטעטלדיקן מאַרק... מען טאָר ניט פאַרשפּעטיקן...

קאָנוווּלסיווּ האָט זי זיך דאַן גענומען וואַרפן איבער דער שטוב, זוכן אין אַלע ווינקעלעך. וואָס זוכט זי איצט, אין אירע לעצטע מינוטן פון פאַרצווייפלונג? זי ווייס אַליין ניט. האָט ניט קיין צייט צו טראַכטן, מוז אַוועקגיין אויפן מאַרק...

זי הערט טריט נאָענט פון איר טיר.

צי האָט זי שוין ניט פאַרשפּעטיקט? גייט ניט נאָך איר אַ ספּעציעלער שליח? זי לויפט־צו אייליק צום פענסטער, אַ קוק טאָן דורך אַ שפּאַרע – דעם לעצטן קוק.

עס עפנט זיך די טיר.

זי רייסט ניט אָפּ דעם בליק פון פענסטער. ציטערט. אירע לעצטע, פרייע מינוטן... ניין, זי וועט זיך ניט אומקערן, קוקן איר שונא אין פּנים...

זי פילט אַ האַנט אויף איר פּלייצע.

נעבן איר שטייט וולאַדעק. זיין פּנים – צעפּלאַמט, די ווייסע אויגן אויסגעגלאָצט, איינגעשטאָכן אין די צעפּלאָשעטע האָר פון זיין שכנס טאָכטער.

האַלינאַ – זאָגט ער – מיר פאָרן אַרויס אויפן דאָרף... קום גיכער... דו פאָרסט מיט אונדז... טראַכט ניט... איידער די דייטשן קומען דיך צונעמען...

— — — — — — — — — — — — — —

זי האָט דאַן גאָרניט געטראַכט, ווען וולאַדעק האָט איר אַוועקגעזעצט אויף דער פור. זי געבערענגט אין דאָרף אַריין. זי איז ניט געווען בכח אַרויסצוברענגען אַ וואָרט.

און אַפילו דאַן, ווען וולאַדעק האָט איר אָנגעטאָן אַ צלם אויפן האַלז — אויך דאַן האָט זי געשוויגן. זי האָט בלויז געהערט פון אים, אַז דאָס טוט ער דערפאַר, ווייל ער וויל, זי זאָל בלייבן לעבן, מיט אים חתונה האָבן.

דאָס אַלץ.

האָט זי אים צוליב געטאָן.

און אפשר האָט זי דעמלט געטאָן אַן עולה דערמיט. וואָס זי האָט זיך אָפּגעטיילט פון אירע נאָנטע?! וואָס וואָלטן געזאָגט טאַטע־מאַמע דערויף? הינדעלע האָט חתונה געהאַט מיט אַ גוי־ייד...

נאָר איצט איז שוין פאַרפאַלן. זי וועט שוין ניט מאַכן אַנדערש.

און האַלינאַ ווערט ניט מיד. שפּאַנט איבערן וועג צום שטעטל און צוריק. זוכט עפּעס צום עסן. וואַרפנדיק פאַרט־ערטע בליקן אויפן איבערבלייבעכץ פון אירע עלטערנס הויז.

און אָט, וואָס מיט איר איז געשען אין איינעם אַן ערב־בין־השמשות:

זי האָט זיך פאַרבייגעשלייכט דאָס שטעטל, געזען, ווי אַ דייטש שלעפּט אַן אַלטע פרוי איבער דער בלאָטע. איז זי שטיין געבליבן, אָנגעשפּאַרט אָן אַ פּאַרקן, מיט זייטיקע פאַר־טראַכטע אויגן, שעפּטשענדיק עפּעס פאַר זיך.

האָט דאַן דער דייטש. האַסטיק, אַ שלעפּ געטאָן די אַלטע און, מיט איר. — צו האַלינאַן.

— וואָס האָסטו געזאָגט, צויג? — האָט ער זי אַ ריס געטאָן ביים פּאַלטן.

האַלינאַ הייבט־אויף דעם צלם איבערן קאָפּ.

— מען טאָר ניט — האָט זי מיט אים פאַרשטעלט ס'פּנים — אין נאָמען פון גאָטס מוטער...

דערויף האָט דער דייטש פאַרוויקלט זיינע פינגער אין אירע האָר און זי אַוועקגעשליידערט אין דער בלאָטע. ווייט פון זיך.

אַ לאַנגער, שווערער בין־השמשות האָט געדרוקט איבערן שטעטל.

האַלינאַ האָט געזוכט דעם וועג צוריק אין דאָרף אַריין, זיך געמאַטערט מיט אירע לעצטע כחות.

איר נאָמען איז האַלינאַ זאַגורסקאַ. אַ קריסטין. טראָגט אַ גרויסן צלם אויפן האַלז. דערפאַר האָט זי דער דייטש ניט אַוועקגעשלעפּט מיט זיך.

זי הייסט אָבער — הינדע, אַ טאָכטער פון יידישע טאַטע־מאַמע...

ניין, מער קען זי ניט, הינדע. גענוג. שוין. אָט איצט מוז געמען אַ סוף.

אין דער טונקל האָט זי זיך צוגעדראַפּעט צום ברידער־קבר, אַראָפּגעריסן פון זיך דעם צלם, אים אַוועקגעשליידערט ווייט־ווייט, צו דער זייט פונם דאָרפישן צמענטאַרל.

איצט פילט זי זיך פריי. באַלעבאָס איבער זיך. קיינער האָט ניט קיין רעכט איבער איר. אָ. ניין, קיינער ניט.

מיט די לעצטע כחות האָט זי איינגעריסן די קריעה־קלאַפּע פון איר טאַטנס פּאַלטן. ביז אַראָפּ. אינגאַנצן זי אָפּגעריסן, אַוועקפאַלנדיק אויפן באַרג, איינגראָבנדיק ס׳פּנים טיף אין אַ פייכטער קופּע זאַמד. גלייך האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָנט. זיך צוריק אויפגעזעצט. פאַנאַנדערגענומען דעם פּאַלטן. אַרויס־געשלעפּט פון בוזעם ס׳דאָרפישע פּאַפּירל. אויף וועלכן ס׳איז געלעגן דעם גלחס חתימה. ווז ס׳איז געווען איינגעשריבן — האַלינאַ זאַגורסקאַ.

ניין, ניט דאָס איז איר נאָמען. ניט מיט אים האָט איר געצערטלט טאַטע־מאַמע.

און זי האָט צעפליקט ס׳פּאַפּירל.

איצט קען זי צוריק איינגראָבן ס׳צעהיצטע פּנים, די נאָז אין דער פייכטער, קליינער עפנונג פונם ברידער־קבר. זיך דושען, דושען, אָט־אַזוי, פעסטער, מיט די לעצטע כהות, אין די גסיסה־רגעס.

איר נאָמען איז — הינדע; אַ טאָכטער פון יידישע טאַטע־מאַמע.

וואָס־ווייטער, אַלץ שטילער איז געוואָרן הינדעס כליפּען, אַלץ שוואַכער איר אָטעמען.

ס'איז אויסגעגאַנגען, אין חלשות, אַ יידיש מיידל אויפן קבר פון אומגעברענגטע יידישע טאַטע־מאַמע.

בלויז דער פאַרגייענדיקער בין־השמשות טונקענדיק אין נאַכט, די שאָטנס פון געפרווירענע ביימער, די שוואַרצע, איינגע־הויקערטע צלמים אויפן שכנותדיקן צמענטאַרל — די אַלע זיינען געווען עדות ביים אַרויסהויכן פון דער נשמה. הינדעס, דעם יידישן מיידל, אויפן קבר פון אַן אומגעקומען שטעטל יידן.

ווראצלאַוו, מערץ, 1946.

פאַרצווייפלונג

.1

זלמן קוקט ארויס דורכן וואַגאָן־פענסטער. פאַרביי זיינע אויגן שוועבן שטיקער פעלד, וואָס שפּרייטן זיך אין ביידע זייטן פון די באַן־רעלסן; טעלעפאָן־סלופּעס, טאַנצנדיקע באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, לויפן פאָרויס פונם צוג, ווי זיי וואָלטן איילן אָנזאָגן אין שטעטל די בשורה, אַז זלמן, דער בן־עיר, קומט צו פאָרן.

און ער, זלמן, שפּרינגט אין וואַגאָן פון איין פענסטער צום צווייטן, באַטאַפּט מיט זיינע בליקן, איטלעכס שטיקל פעלד, איטלעכס בערגעלע, גריבעלע, שטעכט זיך איין אין ווייטע ווייטענישן, ער זוכט נאָנטס, היימישס. כאָטש דער דאָזיקער וועג איז אים באַקאַנט פון אַ סך יאָרן, אויף אים האָט ער אויסגעטראָגן קרוב צו די צוואָנציק יאָר פון זיין לעבן, פאָרנדיק מיטן פערד און וועגעלע פונם שטעטל קיין וואַרשע און צוריק — דאָך, פילט ער אַ ניט־זיכערקייט אין זיין אייגענעם זכרון: איז מעגלעך, אַז די דאָזיקע פעלדער, ווי ער האָט זיי איבערגעלאָזט, אַזוי זיינען זיי פאַרבליבן, אָט איצט? — אַז אָטאָ די ערד, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך אַזאַ שווערע משא פון יאָרן־מלחמה, זאָל ניט איבערלאָזן קיין צייכן אויף זיך?

אָט בלייבט הינטערן צוג אַ צעהאַקט שטעגעלע. וועלכעס ציט זיך. זיגזאַגיש, אין אַ שכנותדיק דאָרף אַריין. פונם דאָזיקן

שטעגעלע צייכנען זיך אַרויס טיפע שניטן פון אָנגעקאָוועטע רעדער אויף פויערשע וועגן.

זלמן דערקענט דעם דאָזיקן וועג. אפילו די בלאָטע אויף דעם איז די זעלביקע. ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט, ווען ער איז אַנטלאָפן פון שטעטל. און גלייך נעמט ער איילִיק אַרומלויפן, מיט די אויגן, איבער ווייטע רחבותן. ער זוכט עפּעס. דאָ, ביי דער זייט האָט זיך געדאַרפט געפינען ס'דאָרף און קעגנאיבער, אַ ביסל העכער — ס'אַקאַציע-וועלדל. זיין זכרון נאַרט אים ניט. ווער נאָך קען אַזוי גוט די געגנט, ווי ער, זלמן. ווי ער, וואָס האָט פאַרברענגט די זומערס אינם שאָטן פון די לאַנגע, דאַרע אַקאַציע־ביימער. וואָס האָט געטרונקען וואַרעמע מילך ביי די פויערטעס. אינם קעגנאיבערדיקן דאָרף!

דער צוג איז שוין אָפּגעלאָפן אַ שפּאָרן מהלך פונם דאָזיקן אָרט. און זלמן שטייט נאָך ביים פענסטער, איינגעפּרעסט זיין נאָז־שפּיץ אין דער שויב, איינגעשטאָכן זיינע אויגן אויף איינעם אַ פּונקט אַזאַ. דער קערפּער באַוועגט זיך נאָכן בליק. די פּלאַ־מיקע באַקן ציטערן. מאַכן בולמער דאָס טאַנצן פון די מוסקולן.

וואָס זעט ער דאָרט?

נידריקע, אַרומגעפליקטע קוימענס, אַרויסשטאַרנדיקע פון קופּעס גרוז, קוימענס — איבערגעבליבענע עדות נאָך פויערשע כאַטעס און דאָרט, וווּ ס'איז אַמאָל געווען אַ וועלדל, נידריקער פונם באַרג — שוואַרצע קופּעס ערד, אַרומגערינגלטע מיט נידריקע צלמים, פאַרפעסטיקטע צו פיעניעס. איבערגעבליבענע נאָך די אַקאַציעס פונם וואַלד.

דער צוג איז שטיין געבליבן אינמיטן פעלד.

פון אַ ברעטל, אויף אַ הויכן סלופּ, קוקט־אַראָפּ אַן אויפ־שריפט, וועלכער דערציילט, אַז דאָ, אויף דעם אָרט, איז אַמאָל געשטאַנען אַ וואָקזאַל; אַז דאָ, ניט ווייט פונדאַנען, האָט זיך געפינען אַ שטעטל, אַ מאַרק מיט קראָמען און געסלעך, צווישן וועלכע זלמן האָט איבערגעלאָזט איבער צוואָנציק יאָר לעבן.

★

פאַרגעקומען איז אַמאָל אַט אַזוי:

זלמן איז געפאָרן מיט זיין פערד און וועגעלע קיין וואַרשע. אַ מיטנזומערדיקער פרימאָרגן. אַרום — פעלד, וואַלד, צעפּאַרע־טער אויר. און ער, זלמן, האָט הנאה פון אַזעלכע טעג, איז צופרידן פון צעזונגענער נאַטור. זיצט ער אויף דער קעלניע אַ צעקנעפּלטער, אַ פריילעכער. דער שאָסיי־וועג — אַ טרוקע־נער. ס'פערד וואַרפט הינטער זיך שטיקער ערד. שפרינגט נאָכן פייפן פון איר באַלעבאָס: דער טאָג וועט אָפּטרעטן זיין פּלאַץ דעם בין־השמשות און ביידע, זלמן מיט זיין פערד, וועלן קומען צוריק אין שטעטל אַריין, אָפּרוען נאָך אַ טאָג אַרבעט.

האָט דאָס דאָזיקע אַזוי אָנגעהאַלטן זומערס און ווינטערס— זלמן האָט געבראַכט זיין חיונה פון וואַרשע און געווען צופרידן.

אַנדערש האָט עס זיך אָבער פאַרענדיקט אין דעם דאָזיקן מיטנזומערדיקן פרימאָרגן:

ס'זיינען אָנגעפלויגן עראָפּלאַנען. ס'האָבן אַ ריס געטאָן באָמבעס. פאַרענדיקט האָט דעמלט, אינמיטן פונם טרוקענעם שאָסיי, זלמנס פערד, צעפּליקט איז געוואָרן ס'וועגעלע, די קאַסטנס מיט אייער.

אַ סוף!

בלויז ער, זלמן, איז אַנטלאָפן, זיך באַהאַלטן הינטער אַ בוים און, פון דאָרט טאַקע, געזען זיין בראָך.

איז ער שוין אין שטעטל אַריין ניט צוריקגעגאַנגען. איז ער אַוועק צופוס קיין וואַרשע. דאָרט זיך געשלאָגן מיט היטלערס משחיתים — כדי צו קענען קומען צוריק אין שטעטל אַריין, צו זען זיך מיט טאַטע־מאַמע, מיט אָנגעהאָרוועטער באַלעבאַטישקייט.

געטראָגן האָט ער דעמלט אויף זיינע געזונטע, ברייטע פּלייצעס, עפּעס אַריבער די צוואָנציק.

און שוין.

ער האָט זיך דעמלט געביסן די פינגער ביז בלוט, געריסן די האָר פון קאָפּ: טאַטע־מאַמע! יאָרן פּראַצע! ווו האָט ער דאָס אַלץ געלאָזט? ביי וועמען?

האָט זיך די היטלער־קללה פאַנאַדערגעלייגט אינם לאַנד פון די פּאָלאַקן און זלמן איז אַוועק אינם לאַנד פון די אוזבעקן.

אויך דאָרט, אינם ווייטן אַזיע, איז ער געווען אַ פורמאַן. זלמן. געזעסן אויף אַ הויכער אַרבע, איינגעשפּאַנט אין אַ נידריק אייזעלע. געפירט פון דאָרף אין שטאָט אַריין קאַסטנס מיט ווײַנטרויבן. עפּל.

ס'איז אים דאָן געווען גוט אויפן האַרץ. ווען ער האָט געטאַנצט אויפן אייזלס כאָמוט, ווען ער האָט אַריינגעזונגען אין זיך דעם ווײַן פון הייסע שטאַנגען מיט ווײַנטרויבן.

אין אַזעלכע מינוטן פאַרגעסט מען דאָס שלעכטע. לעבט מען מיטן אייגענעם חומר.

דאָך, פאָרנדיק צוריק אין דאָרף אַריין, אַוועקלייגנדיק זיך אין דער ליימענער קיביטקע, אויפן וואַטע־זאַק, האָבן גענומען עגבערן אין זיין מח מחשבות פונם פוילישן שטעטל, פון נאָנטע.

און צי קען דען זיין נענטערס, ווי טאַטע־מאַמע!?

אויך דאָרט, אינם אוזבעקן־לאַנד. זיינען פאַרביי זומערס מיט ווינטערס. פאַרשווינדן צוזאַמען מיט קדחת־קרענק און אַנ־דערע חולאתן, וועלכע האָבן געפרעסן זיין לייב. אָפּגעריסן פון אים שטיקער פליישע, שטיקער פון זיינע הענט און פיס.

איז ער דאָרט אַרומגעלאָפן אַ באָרוועסער, מיט נאַקעטע, שפּיציקע אַקסלען. צווישן וועלכע ס'האָט זיך געטרייסלט אַ שמאָ־לער קאָפּ, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן: נישקשה; זאָל גיין ווי סע גייט; נאָך אַ וואָך־צוויי — און מ'וועט זיין ווידער אין שטעטל, ווידער זיך זען מיט...

אָבער דעם לעצטן געדאַנק איז ער שוין ניט געווען בכח צו דערטראַכטן: ווער ווייס, צי טאַטע־מאַמע זיינען נאָך דאָ, צי אַ שטעטל איז נאָך דאָ...

דאָך, אַ קוק טאָן אויף זיין שטעטל מוז ער. און פאַרשווינדן זאָלן אַלע מחשבות.

2.

די נאָכמיטאָג־זון האָט געצונדן די שפּיצן פונם קאָשטשאָל, בולטער געמאַכט זיינע קאָנטורן, באַוואָרפן מיט אירע געלע פלעקן די הילצערנע צלמים, די קברים־בערגלעך אויף ביידע זייטן וועג.

די באַן־גאַס איז פאַרוואַלגערט מיט שטיקער אייזן, צעבראָכענע ציגל. ערגעץ־ווו שפּאַרט אַרויס אַ קוימען פון צווישן אַ קופּע גרוז און ערגעץ־ווו — אַן אויסגעבויגענע רעלס. וועלכע דערציילט, אַז אויף דעם אָרט איז אַמאָל געשטאַנען אַ שטאָקיקע מויער. ווו־ניט־ווו — אַ געמויערט הייזל מיט אַ גערטנדל אַרום, מיט בלומען־טעפּ אין די פענסטער.

דער מאַרק איז גרויס, גרעסער געוואָרן, ברייטער. ווען ניט די ברוק־שטיינער אַרום זיינע רינשטאָקן, וואָלט זיך געדאַכט, אַז ער, דער מאַרק, ציט זיך אַראָפּ, העט־וויט, אַזש ביז די פעלדער.

דאָרט, ווו ס׳זיינען אַמאָל געשטאַנען הייזקעס, וואַקסט איצט גראָז, פעלד־בלומען און אין די גריבער, הינטער האַלב־איינגעפאַלענע ווענט, ליגן ציגל. רוענדיק אין שאָטן, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון דער בריענדיקער זון.

בלויז פונם הינטערשטן טייל מאַרק שטאַרן אַרויס עטלעכע הייזלעך, אָפּגעטיילט איינס פון אַנדערן, ווי איבערגעבליבענע פּיעניעס אין אַ מויל אויסגעליידיקט פון ציין.

שפּאַנט צווישן דעם אַלעם אַרום אַ הויכער, דאַרער בחור, מיט בלישטשענדיקע אויגן, מיט אַן אַרויסשטאַרנדיקן קין פון איינגעפאַלענע באַקן. —

דאָ איז געווען די שקאָלע. אַ גרויסע שקאָלע געווען, אַ ווייסע... און דאָרט, ביי דער זייט — דאָס גרויסע בית־המדרש... הינטן איז געשטאַנען אימשעס מויער... און אַ ביסעלע אַרויפצוצו — דעם רבס איינגעאָרנדיק הייזל...

קרוב צו די דרייסיק יאָר טראָגט ער איצט, זלמן, אויף זיינע שמאָלע פּלייצעס. פון „יענעם טאָג” איז פאַרביי אַ קימאַ־לן

זיבן יאָר — און חרוב איז געוואָרן זיין מאַרק, זיינע געסלעך, זיין שטעטל.

שפּאַנט ער אַרום — אַ שאָטן, אַ געוועזענע זאַך. טויט איז אין שטעטל, טויט. געבליבן איז בלויז דער קאָשטשאָל — אַ הויכער, דאַרער קאָשטשאָל, וועלכער לעכערט דורך, מיט זיין שרפהדיקן שפּיץ, דעם הימל, וואָרנט. מיט אַ טרוקענעם ציינ־פינגער. דער וועלט: —

איך וואָרן!.. צוליב אייערע חטאים האָב איך געמאַכט — תוהו ובוהו...

שאַרט זיך איצט זלמן פאַרביי דורך חורבות פון זיין שטעטל. מאַכט זיך אַ וועג צווישן מויערן־סקעלעטן, זוכנדיק זיין געסל, זיין שטיבל, ס'אָרט, ווו ער איז געבוירן, ווו ס'האָבן געלעבט טאַטע־מאַמע.

און ער נעמט טרעטן אויף אַ ברייטן טראָטואַר, אויסגע־פלאַסטערט מיט לאַנגע און פּיר־קאַנטיקע שטיינער.

אין זיין שטעטל, ווי ער דערמאָנט זיך, איז אַזאַ טראָטואַר קיינמאָל ניט געווען. ניין, קיינמאָל ניט. זיכער איצט, נאָכדעם ווי מ'האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון שטעטל, האָט מען אַריינ־געשטעלט בלומען־טעפּ אין די פענסטער, האָט מען געמאַכט אַ שיינעם, נייעם טראָטואַר.

קוקט ער, זלמן, אויף די לאַנגע און פּירקאַנטיקע שטיינער. וועלכע שפּרייטן זיך פאַר זיינע פיס. שפּרייטן זיך מיט אויסגע־האַקטע אותיות אין זיי — יידישע אותיות. —

מצבות.

טוט ער זיך אַ הויב פון אָרט — ער שטייט אויף פייער — וואַרפט פאַנאַנדער די הענט, איז גרייט צו רופן הילף.

הילף פון וועמען און קעגן וועמען?

אין דעם פּוילישן שטעטל זיינען קיין לעבעדיקע יידן מער ניט בנמצא. אפילו קיין זכר ניט געבליבן פון זיי. אויך פון די געשטאָרבענע יידן. פונם בית־עולם, איז געוואָרן אַראָפּגענומען דער זכרון. די מצבות, וואָס דעקן־צו אַ טראָטואַר אין אַ געוועזן יידיש שטעטל, וועלכעס געפינט זיך אין פּוילן דער מרינה.

קוקט ער, זלמן, אויפן טראָטואַר. שטעכט די אויגן אויף מצבות לייענט:

„פה נטמן האיש הצדיק ירא אלהים. חשוב..."

„פה נטמן הבחור מהישיבה ד'מיר..."

און ווייטער — צוויי אויסגעקריצטע הענט מיט פאַנאַנדער־געשפּרייטע פינגער; אונטער זיי:

„פה נטמן הכהן הגדול מאחיו..."

אין אַ זייט:

„פ"נ האישה הצנועה..."

„פ"נ הבתולה הכשרה..."

לינקס:

„פה נטמן הרב הצדיק בן אדמו"ר זצ"ל..."

אויף פונם רבס מצבה האָבן זיי געמאַכט אַ טראָטואַר, אויף וועלכן עס טרעטן טמאדיקע פיס פון מערדער.

זיפצט ער, זלמן; יעדער זיפץ — אַ קללה; יעדער טרער פון זיינע אויגן — אַ מחילה בעטן ביי נשמות, וואָס האָבן ניט קיין מנוחה. —

הייליקע נשמות.

די מיטאָג־זון ברענט זיין קאַרק. ער זוכט דעם וועג צו זיין געסל. און גלייך האָט ער אַ ישוב: אפשר ניט גיין אַהין... גלייכער...

עס לאָזט אים אָבער ניט רוען די האָפנונג, וואָס האָט געפּיקט אין זיין מח במשך יאָרן נע-ונד — אַ זוך טאָן, אַ קוק טאָן, טאַטע־מאַמע, הארעוואַניע...

און —

ער איז שטיין געבליבן נעבן אַן אַרומגעשיילט הייזל, אַ הילצערנס, אויף איינעם פון די געוועזענע הינטער־געסלעך, שטיין געבליבן נעבן אַ קראָם, פונוואַנען ס'האָט אַראָפּגעקוקט אַ ווייסער אויפשריפט אויף אַ רויטער שילד — אַ פּוילישער נאָמען.

ער דערקענט דאָס הייזל — זיין געבוירן־אָרט. דאָ האָבן געלעבט טאַטע־מאַמע. ס'איז אים נאָך איצט טיף איינגעקריצט אין זכרון יעדעס שפּעלטעלע אויף די ווענט, יעדער צייכן אויף

די אָפּבלאַקירטע ברעטער — זײַן היים; אויף דעם געסל האָט ער געשפּאַנט פערד אין וואָגן. פון דעם געסל איז ער, יאָרן־לאַנג, געפאָרן קיין וואַרשע, געברענגט פּרנסה; פונדאַנען האָט ער שפּאַצירט, אין די אָוונטן, איבער שטעטלשע געסלעך.

איצט שטייט ער, אַ פרעמדער, נעבן דעם, ווו עס איז איינגעזאַפּט זײַן יוגנט, אין וועלכן די מאַמע האָט געצערטלט זײַנע קינדער־יאָרן.

*

איז געשען אָט־וואָס:

אַ געזונטע, פעטע גויע זיצט אויף אַ בעט. זלמן — אינמיטן שטוב.

די גויע וויל וויסן:

— וואָס וויל דער פּאַן?

ער ענטפערט:

— דאָס איז מײַן שטוב.

און קוקט אויף די ווענט —

זײַנע ווענט:

אָט, שטייט אויפן זעלביקן אָרט ס'בעט, אין וועלכן ער איז געשלאָפן; בלויז צוקאָפּנס, אונטערן סופים, פונוואַנען ס'האָט אַמאָל אַראָפּגעקוקט דער ווילנער גאון, הענגט איצט ס'צעדראַ־פּעטע פּנים פון דער „הייליקער מאַמע" און אויפן אָרט פון שמשון הגבור, קוקט איצט אַראָפּ דער געקרייציקטער.

אָבער זײַן שטוב איז עס, יאָ, זײַנע, עס שטיקן אים טרערן. ער וויל שרײַען — זײַן שטוב!..

עס האָט די גויע אַרײַנגערופן אַ הויכן שייגעץ, דער הויכער שייגעץ האָט אָנגענומען זלמנען ביי אַן אַקסל:

— דײַן שטוב זאָגסטו, האַ, דײַן שטיב?

זלמן דריקט־צו די אויגן־לעדלעך, וויל אָפּווישן דעם טרערן־נעפּל פון די אויגן־גלעזער.

און דער שייגעץ ווײַזט אים דורכן פענסטער:

— זעסטו, ווו דײַן שטוב געפינט זיך — אָט אָ דאָרט!

דאָרט איז געווען אַ היכער באַרג. אויף וועלכן ס'האָבן זיך געפּאַשעט קי; דאָרט זיינען געלעגן באַגראָבן די שטעטלדיקע יידן, אויך — זלמנס טאַטע־מאַמע.

— אַלע זשידעס געפינען זיך דאָרט — האָט דער שייגעץ געזאָגט — אַלע...

האָט זיך זלמן איינגעקורטשעט, געוואָרן קלענער, געקוקט אויף טאַטע־מאַמעס קבר, געקוקט אויפן צעשמייכלטן פּנים פונם שייגעץ, געזען, דורכן פענסטער, ביימער צעבליטע, שלאַנקע ביימער, אויף וועלכע ס'האָט געהאָנגען אַ שטעטל יידן.

האָט ער איילץ אַ כאַפּ געטאָן אַ בלומען־טאָפּ פונם פענסטער, אַ שווערן, דעם גרעסטן — און אים אַ שליידער געטאָן אויפן לאַכנדיקן פּנים, דעם פּאָלאַקס.

— מאַ־מאָאָאָ! — האָט זיך געהערט אַ ווילדער אויסגעשריי, האָט זיך געזען אַרומוואַלגערן אויפן דיל, נעבן שייגעץ, פאַרבלוטע שערבעלעך פונם צעבראָכענעם בלומען־טאָפּ.

— אוי, באָזשעעע! — האָט זיך די גויע אַ ריס געטאָן פונם בעט.

און ביי זלמנען האָבן געקנאַקט די מוסקולן, געקנאַקט די פינגער פון זיינע אַמאָל־געזונטע הענט. אינדערגיך האָט ער אָפּגעליידיקט ס'פענסטער פון אַלע בלומען־טעפּ, זיי אויסגעשמירט אינם בלוט פון דער גויע מיט איר זון.

און גלייך:

הענט האָבן זיך איינגעקלאַמערט אַרום זלמנס האַלז, אין זיינע האָר — ברייטע, ברודיקע נעגל — זיך איינגעגעסן אין דער געלער הויט אויף זיין פּנים, קאַרק — הענט, וואָס האָבן שוין געוווּסט ווי מען דאַרף שלאָגן אַ ייד...

און זלמן האָט זיך געראַנגלט אין זיינע לעצטע מינוטן, זיך געוואָרפן פון איין גוי אויפן צווייטן, געשפּרונגען איבער די בעטן, איבערגעקערט דעם טיש.

— מער־דעער! — האָט ער געשריגן.

— זשזשזשיד! — האָבן זיי געשריגן.

און ווידער ראַנגלט ער זיך אויפן דיל מיט אַ צעבלוטער מאַסע.

— עכע־עכע־עכע! — פאַר מיין טאַטן... מאַמען... אַ שטעטל יידן...

— — — — — — — — — — — — — — —

דער בין־השמשות דראַפּעט זיך אויפן קאַשטשאַל־שפּיץ. פּאַרטונקלט די צלמים אויף קברים־רייען. די לבנה. אַ פּאַר־שפּעטיקטע. מאַכט זיך אַ וועג דורך אַ שיטער וואָלקנדל, קוקט־אַראָפּ אויפן געדעקטן טראָטואַר. לייענט דאָרט די „פּה נטמנס" אויף מצבות פונם שטעטלשן בית־עולם. איינצלנע שטערן נעמען אַרויסקריכן אויפן הימל. אַראָפּפינקלען אויפן יידן־קבר. אַרונ־טערלייכטן אונטער די ווייסע באַנדאַזשן אַרום זלמנס פּנים און קאַרק.

און ער, זלמן, הייבט זיך אונטער פונם קבר־באַרג. לייגט אַריין אַ שווערן שטיין אין קעשענע און נעמט זיך שלייכן צווישן הייזער־סקעלעטן.

איצט קען ער שוין דעם וועג צו זיין שטוב.
נאָך אַ מינוט, נאָך צוויי —
און ער שטייט הינטערן פענסטער פון זיין שטיבל.

בררראַזג! — האָט אַ הילך געטאָן צעבראָכן גלאָז, האָט זיך אַרויסגעריסן אַ ווידערקול פון זלמנס האַלז.

און שוין.

איצט לויפט ער איבער בערג און גריבער, ווערט פאַר־שווינדן הינטער איינגעבראָכענע ווענט.

געזונג.

פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן. שטעטל מיינס!
אַ קללה אויף דיר, לאַנד פון מערדער!

דער צוג שניידט זיך צווישן וואַלד און פעלד. פאָראויס לויפן טעלעפאָן־סלופּעס. לויפן מיט אַ ברומען. אָנזאָגן דער וועלט: —

עס אַנטלויפֿט, זלמן, דער בן־עיר, פֿון זיין געבוירן־שטעטל...

און אין אַ ווינקל פֿונם וואַגאָן זיצט איינגעטולעט זלמן. זיין פּנים — ווייסע בענדער. עס ווייטיקט אים די אַרומגעריסענע הויט פֿון זיין פלייש.

דאָך, ערגעץ טיף אין אים טולעט אַ פריידיק פּינקעלע, אַ פּייערל אַזאַ, וואָס וואַרעמט אים, נצחונותדיק —

ס'איז כדאי געווען, זלמן, כדאי געווען... האָסט גענומען נקמה אָן הינטיש בלוט...

ווין־לינץ, סעפּטעמבער, 1946.

פאַן זיגמונט פאַלקאָווסקי

.1

אין געסל האָט מען ניט געוווּסט, ווען און ווי אַזוי — זעליק איז פאַרשווּנדן אָן אַ זכר, קיין סימן ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך.

געווען איז ער, זעליק אַ גנב, אַ פּשוטער „ציער" — ווי מ׳האָט אים גערופן אין דער גאַנצער געגנט. ווו אַן אָראָפּגעריסענעם שלאָס פון אַ פאַרמאַכטער טיר, ווו אַן אַרויסגעצויגענער זייגער פון אַ וועסטל־קעשענע — גלייך האָט מען דערמאָנט זעליקס נאָמען. און דערמאָנט האָט מען דעם דאָזיקן נאָמען שטיל, שושקענדיק זיך אין די ווינקלען, וואָרום, זעליק האָט געהאַט ברייטע פּלייצעס און ברייטע, פלאַטשיקע האַנט־דלאָניעס. גענוג איז געווען אַז ער זאָל בלויז אַ ווינק טאָן מיט די שמאָלע אויגן־שניטן צו זיינס אַ באַגנבעטן שכן, אַז יענער זאָל אַריבער פון איין טראָטואַר אויפן צווייטן, פאַרשווינדן ערגעץ אין איינער פון די הינטער־געסלעך.

דער טאַטע זיינער, איטשע, האָט געהאַנדלט מיט פיש. יעדן פרייטיק פאַרטאָג האָט ער געבראַכט פון די „האַליעס" אַ גרויסן קאַסטן מיט „סטינקעס". אים אַוועקגעשטעלט אינמיטן ברוק פון דער שמאָלער מילע־גאַס.

און טאַקע דאָ, ביי דעם דאָזיקן קאַסטן האָט זעליק באַקומען זיין דערציאונג, געוואָקסן און „געצויגן" פון די בוזעמס

ביי די ווייבער, וואָס האָבן זיך געפּאַקט אַרום אים. ס'האָט אים דאַן ניט געאַרט, זעליקן, וואָס די קונים שעלטן אים, דערלאַנגען אים אַפילו מיט אַ נאַסן שלייען איבערן פּנים — ער איז דערפון געוואָרן געהאַרטעוועט, זיך אויסגעטרעטן אַ וועג אין זיין וויי-טערדיקן לעבן.

דער טאַטע — אַ פּנים בלויז באָרד און נאָז — האָט געהאַט חרפּות פון׳ם זון.

— געדענק, זעליק — האָט ער אים געפלעגט זאָגן — היינט איז פרייטיק; איך גיי אין מקוה אַריין, כדי אָפּצוואַשן פון זיך די זינד און דו, מיט דיינע מעשים ברענגסט זיי ווידער אויף מיר אַרויף...

ביי זעליקן איז גנבענען ניט געווען קיין זינד, נאָר — אַ פאַך אַזאַ: מען דאַרף קענען גנבענען; מען דאַרף זיך אויס-לערנען; עס ווענדט זיך נאָר אין טאַלענט, אין קענען באַוועגן מיט די פינגער.

און ס'האָט אים טאַקע געקאָסט אַ סך מאַטערניש, ביז ער האָט אַראָפּגעשלעפּט דעם ערשטן בונט וועש פון אַ בוידעם, אַרויסגעצויגן דעם ערשטן זייגער פון אַ וועסטל-טאַש.

און אַז ער האָט שוין געהאַט זיין אָנגעצייכנטן וועג, באַ-שלאָסן, אַז — דאָס איז זיין פאַך, האָט דער טאַטע שלום געמאַכט מיטן גורל: פאַרפאַלן; אין אדם נוקף אצבעו מלמטה... מסתמא איז אַזוי זיין רצון...

— געדענק-זשע זעליק, ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט...

און זעליק האָט געגנבעט און געגלייבט אין גאָט, געגלייבט דערפאַר, ווייל — וואָס אַרט אים דען, וויל דען גאָט אַ חלק אין זיינע גנבות...

★

האָט דאָס דאָזיקע אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג אין דער געגנט, ביז זעליק איז פאַרשוווּנדן פון געסל.

און פאַרשוווּנדן איז ער צוזאַמען מיט דער „גאָלדענער-ראָנטשקע". אַזוי האָט מען געוווּסט צו דערציילן.

אמת, זי, סטעפאַ, האָט געאַרבעט אין געסל אויף „אייגענע־האַנט". ניט געניייטיקט זיך אין קיינעמס הילף. דאָך, האָט זי באַוווּנדערט איר שכנס פּעאיקייטן: דאָס ערשטע מאָל זעט זי אַ לייטישן ייד. אַ ייד, וואָס ווייס, ווי צו לעבן, קען זיך אויס־פיינען פאַר דער וועלט.

די „גאָלדענע ראַנטשקע". —

דעם דאָזיקן נאָמען האָט זי זיך פאַרדינט.

ווייל אַ האַנט האָט זי געהאַט אַ לייכטע, מיט שפּיציקע פינגער און נאָך שפּיציקערע נעגל, וועלכע, אַלע צוזאַמען, האָבן זיך לגמרי ניט געפּאַסט צו אירע גראָבע, באַמעלטע באַקן, ברייטער, איבערגעוואָקסענער הויך. —

אַ הענטל — אַ הינערשע פעדער — אויב האָט עס זיך פאַרוואַלגערט צו אימעצן אין אַ קעשענע, האָט יענער בכלל ניט געפילט. אַז דאָרט געפינט זיך עפּעס, אַ פרעמדע זאַך.

און געהאַט האָט זי, סטעפאַ, אַ סך „חתנים" אין געסל — און דוקא יידישע.

אַ טשעקאַווע זאַך:

ניט געוווּן דער „חתן", וועמען זי זאָל ניט האָבן באַגנבֿעט. אַראָפּגעצויגן פון זיינע פינגער, די גאָלדענע רייפן — דאָך האָט עס זיי געצויגן צו איר: אַ קליייניקייט — שפּאַצירן מיט אַ שיקסע!

האָט זי אַזוי לאַנג באַגנבעט די בחורים אין געסל, ביז זי האָט זיך באַקענט מיט זעליקן.

— דו קוקסט־אויס אַנדערש ווי אַלע — האָט זי אים געגלעט מיט אירע דינע שמאָלע פינגער איבער זיין הויכער, ברייטער פּלייצע — אַלע זיינען זיי „פּריצן" און דו ביזט אַ „יאָט מיטביינער".

אַוודאי איז ער אַ „יאָט מיט ביינער". זעליק. ס'האָט נאָך קיינער אין געסל ניט געחלומט צו זאָגן אים אַ הויך וואָרט; אפילו זיינע מיטגנבים האָבן דרך־ארץ פאַר אים. וואַרפן זיך אונטער זיין פּסק. ווען עס קומט־פאָר איבער אימעצן פון זיי אַ „דינטוירע" אין געסל.

בלויז פאַר דעם טאַטן האָט ער געהאַט דרך־ארץ.

— זיין טאַטע — האָט ער אים שטענדיק געפלעגט אָפּ־טרעטן ס׳בענקל.

און איטשע איז געווען צופרידן. וואָס ער האָט אַראָפּגעפּטרט דעם עול־פּרנסה. וואָס ער קען גיין דריי מאָל אין טאָג אין בית־המדרש. אמת. זעליק איז אַ גנב; אָבער איטשע פאַרגעסט אין דעם דאָזיקן. ווען ער זיצט ביים געדעקטן טיש. ווען ער וויים. אַז מער דאַרף ער ניט פאָרן צו די „האַליעס". ברענגען פיש פאַר געסלדיקע ווייבער.

און אפילו דאַן, ווען זעליק איז אַוועק צוזאַמען מיט סטע־פען. האָט ער אויך ניט פאַרגעסן אַן טאַטן, אים געשיקט געלט מיט אַ געהיימען שליח.

האָט זיך איינמאָל איטשע צוגעזעצט צום דאָזיקן שליח:

— זאָג מיר. יונגערמאַן. כ׳בעט דיך — ווו געפינט זיך דער זון מיינער, האַ?

2.

אין דער זעלביקער צייט. ווען איטשע האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט וויסן. ווו זעליק געפינט זיך. איז ער. דער זון זיינער. געזעסן. אַריבערגעלייגט אַ פוס איבער אַ פוס. אויף איינער פון די רויקע געסלעך אַרום דער מאַרשאַלקאָווסקע. געזעסן אין אַ טיפן. ווייכן פאָטעל. וויגנדיק אין געדאַנק, די דיקע, גאָלדענע רינגען אויף זיינע פינגער.

דרייסיק יאָר לעבן ניט געגאַנגען לאיבוד. ס׳איז כדאי געווען. אָנגעהויבן מיט קליינע גנבהלעך. געגאַנגען העכער, ביז ער האָט דערגרייכט צו דעם. וואָס ער האָט איצט —

אַ קאָמערץ־געשעפט אויף מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס. אַ גע־שעפט. פוניואַנען עס פינקלט־אַראָפּ אַ גאָלדענער אויפשריפט — זיגמונט פאַלקאָווסקי.

יאָ. דאָס פאַרמעגן געהער ניט בלויז צו אים, זעליקן. אויך זיין ווייב איז אַ שותף צו דעם — זיין ווייב. סטעפאַ פאַלקאָווסקאַ; אויך זי האָט אין דעם אַריינגעלייגט אַ סך האָרעוואַניע. דער

עיקר — שרעק. אין דעם באַשטײַט טאַקע זייער ביידנס שותּפות: שרעק פאַר אַ „מענטש". פאַר „בראַנזאָלעטן". פאַר אַ „באָדניע", וואָס דאָס אַלץ האָט געפירט אויף יאָרן תּפיסה.

איצט איז דאָס אַלץ אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט. מען רופט אים שוין ניט מער — זעליק „ציער" און זיין ווייב — „די גאָלדענע ראָנטשקע".

פאַנסטוואָ זיגמונט אי סטעפאַ פאַלקאָווסקיך.

אַזוי רופט מען זיי אין געשעפט. אַזוי — די שכנים אויף מאַרשאַלקאָווסקע און אין די געסלעך אַרום.

זיגמונט איז אַ מיטגליד אין קריסטלעכן סוחרים־פאַריין. פונם אויסשטעל־פענסטער. אין זיין געשעפט, קוקט אַרויס אַ שוואַרץ טעוועלע מיט אַ גאָלדענער אויפשריפט:

„פירמאַ כושעשטשיאַנסקאַ".

אַזוי האָט געוואָלט סטעפאַ. און ער האָט מסכים געווען. וואָס אַרט עס אים דען. פאַרקערט. ער איז צופרידן. גענוג געהאַט עסקים מיט די ווייבער אויף דער „שמאָלער מילע". פאַרחושכט געוואָרן אין געסל צווישן די ברודיקע יידענעס, פאַרשמאָדערטע קינדער.

איצט גייט זיין לעבן אויף אַנדערע רעלסן.

פאַן זיגמונט פאַלקאָווסקי.

מיט וויפיל כבוד קלינגט דער דאָזיקער נאָמען — אַ נאָמען, וואָס מאַכט פאַרגעסן זעליקן זיין גנבהשע פאַרגאַנגענהייט. שפּרייט פאַנאַנדער פאַר אים ברייטע, ווייטע האָריזאָנטן פון אַ גליקלעך לעבן.

★

זיגמונט האָט זיך אויפגעהויבן פון פאָטעל, געשטעלט עטלעכע טריט איבערן ווייכן טעפעך. די ווענט זיינען באַהאָנגען מיט בילדער. צווישן די פענסטער — אַ שפּיגל. פון דאָרט קוקט אַרויס אַ לאַנגער. גלייכער געשטעל. צוויי ברייטע. גלייכע אַקסלען. ווי די אויבערשטע טייל פון אַ פלאַש. אויף וועלכער ס׳זיצט טיף פאַרזעצט אַ קיילעכיקער קאָרק — זיגמונטס קאָפּ. איבערן שפּיגל,

אונטערן באַלקן. בליצט אַראָפּ אַ רויט ליעמפּעלע. אַן איקאָנע — דער הייליקער מאַמעס בילד.

זיגמונט קוקנדיק אויף דער דאָזיקער איקאָנע אין זיין שטוב. דערמאָנט זיך אַנם אַמאָל:

אַמאָל, ווען ער איז געווען אַ קליין יונגל, האָבן זיינע חברים אין געסל געשמועסט צווישן זיך, אַז — מען טאָרניט קוקן אויף דער „מאַטקע־באָסקע“. פאַרוואָס? ווייל מען קען בלינד ווערן.

איצט קוקט ער שוין אויף דער „מאַטקע“ אַ סך חדשים, איבער אַ יאָר — און גאָרנישט. פאַרקערט. ער האָט איצט אָנגעהויבן זען די וועלט. זען, ווי גרויס און שיין זי איז. דערזען, אַז אין „יענע גאַסן“ לעבט מען לייטישער, ווי אַ־ם דער „שמאָלער־מילע־גאַס“.

פון צייט־צו־צייט האָט ער זיך דערמאָנט אַנם טאַטן, דערמאָנט נאָר דאַן, ווען ער האָט אים געשיקט געלט אויף הוצאות. און פאָרגעקומען איז דאָס נאָר ווען ער איז געזעסן אין געשעפט. אַריינגעקוקט אין דעם בוך פון „הוצאה“ און „הכנסה“. ווי עס האָט זיך געפינען איבער אַ רויטן צייכן, אונטער אַ רובריק „זייטיקע אויסגאַבן“, אויך — פינף און צוואָנציק זלאָטעס פאַר דעם פישער.

און אַז ער איז געזעסן איינמאָל מיטן בוכאַלטער, צונויפגעצויגן דעם חשבון פון אַ גאַנץ יאָר הוצאות האָט ער זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט אויף דער דאָזיקער ציפער. דעם טאַטנס:

דריי הונדערט זלאָטעס האָט ער אַוועקגעשיקט דאָס יאָר דעם טאַטן; פאַר דער דאָזיקער סומע וואָלט ער געקענט צונעמען נאָך אַ מענטש אין געשעפט, וועלכער וואָלט אים אַריינגעברענגט אַ סך הונדערטער און אפשר טויזנטער הכנסה.

פאַן זיגמונט פאַלקאָווסקי האָט די פולע רעכט, צו פאַרברייטערן זיין געשעפט.

בפרט, אַז אויך דער בוכאַלטער מאַכט אים דערויף זיין באַמערקונג —

— מען דאַרף שניידן פון די הוצאות, פאַניע שעפיע. שניידן —

האָבן זיי אַ ווײַלע אַ ישוב:

— פֿון וואָס שנײַדן?

אוודאי קען מען ניט אַראָפּנעמען די פֿינף הונדערט זלאָטעס פֿאַר דעם קריסטלעכן סוחרים־פֿאַריין; אויך טאָר מען אַפֿילו ניט טראַכטן, וועגן די פֿיר הונדערט זלאָטעס פֿאַר דער „בראַטניאַ־פּאָמאָץ".

בײַ דעם דאָזיקן נאָמען האָט זיך זיגמונט אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט:

די „בראַטניאַ־פּאָמאָץ" דערציט אונדזער יוגנט אין פּוילישן גײַסט, אינם גײַסט פֿון פּאַטריאָטיזם פֿאַרן פּוילישן פֿאָטערלאַנד.

אויך דער בוכאַלטער איז מסכּים דערמיט.

איז געבליבן:

— זאָל דער פֿאַן בוכאַלטער אַראָפּנעמען יענע דרײַ הונדערט זלאָטעס פֿונם פֿישער און זיי צושטעלן צו דער „בראַטניאַ־פּאָמאָץ".

3.

פֿון דעם אַספֿאַלטירטן ברוק, נעבן הויפּט־וואָקזאַל, האָט זיך אָפּגעריסן אַ טאַקסע. זיך אַ לאָז געטאָן פֿאָראױס, טראָגנדיק מיט זיך פֿיר מענטשן — די פּאַני סטעפֿאַ מיטן אַכט יאָריקן זון, די דינסט און דעם שאָפֿער.

דאָס איז סטעפֿאַ געקומען פֿון די וואַרעם־בעדער אויף אַ קורצן באַזוך צו זיגמונטן. אים איבערלאָזן דעם זון און גלײַך פֿאָרן צוריק.

אין דער זעלביקער צײַט האָט זיגמונט אַרומגעשפּאַנט איבערן האָריקן דיוואַן. אַלע ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט נעבן שפּיגל, באַטאַפּט, מיט זײַנע בליקן, די פּאות, וועלכע האַלטן זיך שוין אין זילבערן.

דאָס געשעפֿט גייט ניט שלעכט. די פֿאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד פֿאַרשטאַרקן זיך. זײַן קאָנטע אין „באַנק פּאָלסקי" וואַקסט. ער קומט אין פּוילישער געזעלשאַפֿט, האָט אַ וואָרט אין

קריסטלעכן סוחרים־פּאַריין, זיין פּוילישער אַקצענט פּאַרטרייבט אַלע ספקות פון זיינע קאָלעגן. און אויב דאַכט זיך אים, אַז עפּעס קומט ניט אַרויס דער קלאַנג אין זיין רעדן, ווי ס׳דאַרף צו זיין, פאַרבעסערט ער צום צווייטן מאָל, באַמיט ער זיך צום דריטן מאָל אויפצוווייזן —

אַז דער גאַנצער גרויסהאַנדל געפינט זיך ביי יידן;

אַז ער איז ניט מסכים מיט די קאָלעגן, וואָס זאָגן, אַז נאָר אַ טייל פון דער לייכט־אינדוסטריע ליגט אין יידישע הענט.

ער, זיגמונט, איז גרייט אויף אַלעם. אַבי צו פאַרדעקן זיין יידישן אָפּשטאַם. ניט צו הערן פון סטעפען איר קלאָגן זיך אויף די יידן.

— זיי פאַרפּאַטשקען אַלע ריינע ערטער! — אַזוי האָט זי געזאָגט, ווען ער איז געווען ביי איר צוגאַסט — ניט מעגלעך צו עטעמען!

זי איז פעט, סטעפאַ, ברייט און פעט — בלויז שמאַלץ. אויך סטאַך האָט אַזאַ אויסזען. בלויז די נאָז זיינע איז אַ גלייכע, אַ לענגלעכע, ענלעך צום טאַטנס.

אין זיינע לײדיקע מינוטן פון טאָג, ווען ער טוט זיך אויס פון די געשעפטן, טראַכט זיגמונט פונם זון זיינעם, סטאַשעק. אַ געראָטענער זון, דעם טאַטנס פרייד, דער איינציקער, פאַר וועמען ער אַרבעט, בוים פּלענער, צו פאַרברייטערן זיינע הכנסות.

דאָס לעצטע מאָל, ווען ער איז געווען ביי סטעפען אין די בעדער, האָבן ביידע באַשלאָסן, אַהיימצוברענגען סטאַשעקן, אים אָפּצוגעבן אין אַ שולע.

איצט וואַלגערט ער זיך, דער זון, אויף דער סאָפע. דער טאַטע גלעט אים זיינע אויסגעפּילטע זייטן, די באַקן, דעם פעטן קאַרק.

און סטעפאַ איז צוריקגעפאָרן אין די בעדער.

האָט געטראָפן איינמאָל, אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט:

זיגמונט איז אַהיימגעקומען פון געשעפט, סטאַשעק — פון שולע. האָבן זיך ביידע אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע, זיך גע־הייסן פירן איבער וואַרשעווער גאַסן.

צוויי שעה.

אַזוי האָט אָנגעזאָגט זיגמונט דעם דראָזשקאַזש.

— צוויי שעה פאָרן אויף אַ שפּאַציר.

די מאַרשאַלקאָווסקע. ווי שטענדיק, ליגט אַ ברייטע. אַ לאַנגע. אינם האַרץ פון וואַרשע. דער אַספאַלט שפּיגלט־אָפּ דעם הימל און דער הימל-פּאַס, איבערביידע זייטן מויערן. הענגט אַ קלאָרער, אַ נידריקער ווי ספּעציעל צוגעשניטן פאַר דער מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס. פונם זאַקסישן גאָרטן קוקן־אַרויס צעשויבערטע קעפּ פון אַלטע, מידעביימער און צווישן די שוואַרצע, אייזערנע שטאַכיטן רייסן זיך דורך טרוקענע צווייגן פון צונויפגעקנאָדערטע. פאַרפלאָנטערטע קשאַקעס.

די דראָזשקע האָט זיך געצויגן איבער דער קרולעווסקע־גאַס. זיגמונט האָט זיך געהילט אינם ערב־בין־השמשות. זיינע געדאַנקען. צוזאַמען מיט די הענט — איינגעפלאָכטן אַרום סטאַשעקס קאָפּ.

און פּלוצלינג:

די דראָזשקע איז געבליבן שטיין. אַ געלויף איבער דער גאַס. אַ געהילך פון צעבראָכן גלאָז. קולות.

זיגמונט האָט אין איילעניש. אַראָפּגעלאָזט די בויד איבער זיין קאָפּ זיך איינגעטולעט אין סטאַשעקן. דאָס פערד האָט גענומען לויפן צוריק. צו דער מאַרשאַלקאָווסקע. געלאָפן אונטער די שמיץ פונם דראָזשקאַזשס בייטש.

וואָס איז געשען?

מען שלאָגט יידן. מען טרייבט זיי פונם זאַקסישן גאָרטן.

— זשידזשי דאָ פּאַלעסטיני!

דאָס האָט געהערט זיגמונט. אויך סטאַשעק האָט דאָס געהערט.

אין שטוב איז סטאַך געווען טשעקאַווע צוויסן:

— טאַטוש! פאַרוואָס טרייבט מען די זשידעס קיין פּאַלעסטינע, האַ?

*

ביי זיגמונטן האָבן די פאות אויפגעהערט זילבעת, גענומען איבערגיין אויף ווייס. בלויז די האָר אויפן קאָפּ זיינען נאָך געווען שוואַרץ, ערטערווייז — געציילטע, ווייסע פעדעם. אָנשטאָט, וואָס ביז איצט האָט ער געשפּאָלטן די האָר אינמיטן קאָפּ אויף צוויי טיילן, האָט ער שוין איצט געמאַכט דעם שפּאַלט אויף אַ ז. פּאַרדעקנדיק מיט די שיטערע פעדעם דאָס קליינע טעלערל, וואָס האָט זיך גענומען ארויסשיילן פּונקט אינמיטן פונם קאָפּ. ער האָט זיך געלאָזט וואַקסן וואָנסעס, געדיכטע וואָנסעס, וועלכע האָבן עדות געזאָגט, אַז ער, פּאַן זיגמונט פּאַלקאָווסקי, טראָגט שוין אויף זיינע פּלייצעס קרוב צו די פופציק יאָר.

יאָ, שוין די גרעסטע העלפט פונם לעבן דורכגעמאַכט. איצט דאַרף מען טראַכטן, וועגן רוען. אין די געשעפטן מישט ער זיך ווייניק. דאָרט באַלעבאַטעווען דירעקטאָרן. נאָר פון צייט־צו־צייט דאַרף מען אַ פאָר טאָן אין די פּיליעס, אַ קוק טאָן אין פּויזן, קראָקע. זיך ווייזן, זיך פאָרשטעלן. מער ניט. די גרעסטע צייט פון חודש זיצט ער אינדערהיים, טראַכט ער וועגן זון. סטאַשעקן. דעם בן־יחיד, וועלכער האַלט זיך נעבן אים, וויל ניט פאָרן צו דער מאַמען.

זי סטעפאַ, האָט שוין אים, זיגמונטן, געהאַט גענוג. זי געפינט זיך ערגעץ אין דער שווייץ, אָדער האָלאַנד. אָדער אַנדערש־ווו. בלויז צייטנווייז לאָזט זי פון זיך וויסן. דורך די דירעקטאָרן. אז זי האָט איינקאַסירט בך־וכך. דאָס איינקאַסירטע געלט, איז זי מודיע, לייגט זי אַוועק אין סייף, אויף סטאַשעקס נאָמען. ער, זיגמונט, האָט ניט קיין רעכט צו דעם. ער איז אַ ייד — אַ זשיד. און צו סטאַכן שרייבט זי, ער זאָל קומען צו איר, דער קריסטלעכער מאַמען. קומען — אויב ניט, וועט זי אים צונעמען מיט גוואַלט. אָבער סטאַך לייגט ניט די בריוו. דער טאַטע באַהאַלט זיי פון אים.

בכלל אינטערעסירט זיך סיינגל ווייניק מיט דער מאַמען.

זינט סטעפאַ איז אַוועק מיט זיגמונטן, במשך די אַלע

יאָרן, האָט זי כמעט די גאַנצע צייט פאַרברענגט אין וואַרעם־בעדער, קור־ערטער.
האָט סטאַך טאַקע דערפאַר זיך אָפּגעוויינט פון איר.
אויך דער טאַטע האָט מער אַוועקגעשענקט זיינע לײדיקע שעהן דעם זון, אײדער טראַכטן וועגן דער אַמאָליקער „גאָל-דענער ראָנטשקע”.
יאָ פאַר אים, דעם אַמאָליקן גנב, איז סטעפע פאַרבליבן די אייגענע, ווי מיט פופצן יאָר צוריק: אַזוי האָט זי זיך אויפ־געפירט ביז זי איז אַוועק מיט אים און אַזוי דערנאָך, — אַ פוילישע שיקסע. וואָס האָט פיינט יידן.
זעליק האָט דאָס דאָן ניט געפילט. ס'איז אים געווען ענג אין געסל, ענג ביים יידישן טאַטן; ס'האָט אים געלאָקט „יענע גאַסן”, געדרוקט אויף די פינגער די שווערע גאָלדענע רינגען.
איז אָט אַזוי פאַרביי קנאַפּע צוויי צענטליק יאָר אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס, ביז —
איינמאָל איז אַהיימגעקומען דער זון פון גימנאַזיע — אַ הויכער, אַ גלייכער, אַ בלאָנדער — זיך אוועקגעזעצט אויף דער סאָפע, קעגנאיבער דעם טאַטן און גענומען דערציילן אַ פאַרסאָפּעטער:
— היינט האָט מען גערעדט אין גימנאַזיע אַ סך וועגן די זשידעס און פון מאָרגן אָן ווערט דורכגעפירט אַ באָיקאָט...
זיגמונט האָט אים ניט געלאָזט פאַרענדיקן:
— דו, גלייכער, לערן זיך, סטאַשו; ניט פאַר דיר צו פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע זאַכן...
— אָבער, טאַטוש — האָט זיך סטאַך געהיצט — די זשידעס...
זיגמונט איז געזעסן אַ צוזאַמענגעבראָכענער. זיינע אויגן — איינגעשטאָכן אין דער איקאָנע; פאַרביי זיי — בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט, בילדער פון דעם איצטיקן לעבן אין „גרויס פוילן”, אין דעם זעלביקן פוילן, אין וועלכן אויך ער לעבט. וועלכן אויך ער האָט געגעבן זיין חלק. איצט וואָס זעט ער? — אויסגעזעצטע שויבן ביי יידן, יידישע מיטבירגער; צעביילטע קעפּ פון יידישע שילער אויפן אוניווערזיטעט.

ער וואָ׳ט אפשר ניט געטראַכט דערפון, ווען ניט דאָס, וואָס אויך ער איז אַ ייד, וואָס אויך אויף זיין פאַרמעגן וועט קומען די צייט, ווען ס׳וועט ווערן צעטרעטן, ווי צעטרעטן ער האָט זיין אָפּשטאַם, זיין פאָלק.

★

סטאַך איז געוואָקסן און צוזאַמען מיט אים — די ניט־זיכערקייט וועגן זיינע מעשים. וואָס זאָל ער טאָן? אָט, באַלד ענדיקט ער די גימנאַזיע. וועט זיך נעמען גרייטן צום אוניווערזיטעט. זיינע חברים אין גימנאַזיע טרייבן אַראָפּ, ביי די לעקציעס, די יידישע מיטקאָלעגן פון די בענק. די פּראָפעסאָרן שווייגן. דערמיט געבן זיי די הסכמה צום שלאָגן די יידישע שילער. און דער טאַטע ליידט דערפון, וואָרנט אים, סטאַכן, ניט צו מישן זיך — צו זיין נייטראַל. ווי אַזוי קען ער זיין נייטראַל, ער, וואָס איז איינער פון די „כלאָפּצעס"; — אַ קעמפער פאַר אַ גרויס־פּוילן — נאָר פאַר פּאָלאַקן?! ער מוז נאָך אַ שמועס טאָן מיטן טאַטן, דעם לעצטן שמועס — און זאָל ער אים אויפקלערן: פאַר־וואָס ווילן די זשידעס ניט פאָרן קיין פּאַלעסטינע? —

זיגמונט איז ניט געווען אינדערהיים. סטאַך האָט געפינען אויפן דיל אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט, וואָס דער בריוו־טרעגער האָט אריינגעוואָרפן דורך דער טיר. אין בריוו איז געווען אַ וואָרנונג צום פאַן פאַלקאָווסקי, ער זאָל פאַרלאָזן די דירה אויף מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס — ווייל ער איז אַ זשיד; אונטער־געשריבן — „בראַטניאַ פּאָמאָץ".

לייענענדיק דעם בריוו, האָט סטאַשעק זיך פאַנאנדערגע־געלאַכט: זיכער געווען אַ טעות פון די „כלאָפּצעס"; דער טאַטע האָט טאַקע אַ יידישן אויסזען, אָבער מיט יידן, ווייס ער, האָט ער ניט קיין מגע־ומשע. האָט זיי פיינט.

און סטאַך איז צופרידן, וואָס די „בראַטניאַקעס" שטיין אויף דער וואַך —

די יידן האָבן אים שוין דערעסן; פון דער געשיכטע ווייס ער, אַז דער אור־וואָרצל פון יידן־שטאַם — דאָס איז אַזיע;

דאָרט האָט אָנגעהויבן אַנטשטיין, זיך פאַנאַנדערוואַקסן די יידישע קולטור — אויב מ'קען זיי, די יידן, באַצייכנען מיט אַזאַ וואָרט, ווי קולטור; גיכער וואָלט געפּאַסט פאַר זיי דער אויסדרוק — אַזיאַטן, אַ וואָרט, וואָס נעמט אַריין אין זיך ווילדקייט, אָפּגעשטאַנענקייט... און דאָס דאָזיקע ווילדע פאָלק האָט זיך אויסגעמישט מיט ציוויליזירטע פעלקער, זיך באַזעצט אין האַרץ פון אייראָפּע... רעכט האָבן די פּראָפעסאָרן אין גימנאַזיע, אויפן אוניווערזיטעט, וואָס הייסן ניט זיין די פּוילישע שילער נייטראַל. ער, דער אַכצניאָריקער סמאַשעק, איז מסכים מיט זיי. די נאָענטסטע וואָכן גייט ער אריבער אויפן אוניווערזיטעט; דאָרט זיך אָנשליסן צום רעכטן פליגל פון די סטודענטן, זיי העלפן אין קאַמף מיט די יידישע אַזיאַטן.

אין אַ צייט אַרום האָט זיגמונט פאַרבעטן צו זיך די פּראָפעסאָרן פון גימנאַזיע אויף אַ באַל, לכבוד זיין סמאַשעקן, וועלכער האָט געדאַרפט ווערן אָנגענומען אויפן אוניווערזיטעט.

.4

צוזויפגעדרייט, מיט אַן איינגעהויקערטער פּלייצע, אָנגעשפּאַרט זיין שמאל גופל אויף צוויי קליינע שטעקנס, שפּאַנט מיט געלאַסענע טריט אויפן טראָטואר פונם וואָלינסקע־געסל, אַ צוזויפגעקנאָדערט יידל, באַוואָקסן מיט א ווייסן קאָפּ און גראָער, פאַרפּלאָנטערטער באָרד. אלע ווײלע שטעלט ער זיך אָפּ נעבן אַן אַנדער קרעמל, עפנט די טיר מיט איינעם פון זיינע קולעס, לאָזט אַראָפּ דעם באַוואָקסענעם קאָפּ, פאַרמאַכט די טריפנדיקע אויגן, קנייטשט־איין ס'פּנים, וואָס באַקומט דעם אויסזען, ווי אַן אָפּגעקאָכטער עפּל.

אויפן געסל קען מען אים שוין, ווייס מען, אַז דאָס איז איטשע פישהענדלער, גיט מען אים אַ נדבה און ער שפּאַנט ווייטער זיין וועג.

אויפן געסל איז שוין אַ דור אוועקגעגאַנגען און אַ דור צוגעקומען. די, וואָס זיינען אָפּגעשטאָרבן, האָבן דערציילט זייערע קינדער, אַז, מיט יאָרן צוריק, האָט אַרומגעווילדעוועט אויף דער שכנותדיקער שמאָלער מילע־גאַס איינער אַ גנב. וואָס האָט געהייסן זעליק — אַ גרויסער משומד געווען, אַן אַכזר — האָט אָנגעוואָרפן, מיט זיינע מעשים, אַ פּחד אויף דער גאַנצער געגנט. דערנאָך איז ער אַוועק מיט אַ גויע, זיך באַזעצט אויף „יענע גאַסן". פון דעמלט אָן האָט מען מער ניט געהערט פון אים. איז געוואָרן רואיק אויף אַלע געסלעך אַרום. און דער־אַ טאַקע, דער אַלטער בעטלער. וואָס גייט שוין אַרום אַזוי יאָרן אויף די קולעס. איז דאָס דער טאַטע זיינער, ווען דער גנב האט אוועקגעוואָרפן, וויל אַפילו ניט הערן פון אים.

און שוין.

דאָס איז אַלץ, וואָס מען ווייס אין געסל צו דערציילן פון דעם אַלטן איטשע און זיין זון. זעליק „ציער".

איז דאָס דאָזיקע גענוג, אַז אין געסל זאָל מען קוקן אויף איטשען מיט רחמנות, מען זאָל אים באַדויערן אַנדערש, ווי מען באַדויערט אַ צווייטן בעטלער.

און ער אַליין, איטשע. ווערנדיק מיד פון אַרומשלעפן זיך מיט זיינע קרוב צו אַכציק יאָר איבערן געסל. זעצט זיך אַוועק אויף אַ בריקל און נעמט. סתם אזוי. רעדן צו זיך:

— זעטץ קינדערלעך, זעטץ — שוין ניטאָ פייוול דער סטאָלער, אַוועק אויף יענער וועלט עלע דער טאָקער. געשטאָרבן שמואל־ליפע מלמד, עס לעבט שוין ניט הערשקע דער סופר... און וויפיל נאָך, וויפיל נאָך! אַלץ פרישע מענטשן זע איך אין געסל... יאָ... פרישע. נייע מענטשן... נאָר איך. איטשע פישער—איך אַליין לעב נאָך... ווײ־ווײ־ווײ! גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט אַ האַרבער האַנט... אַלץ צוליב מיין זעליקלס חטאים... ימח... טפו־טפו־טפו! גיין זאָל עס אויף אַלע וויסטע פעלדער! הוי־אוי־אָך! בנים גדלתי...

און ווייבער טרייסלען דערויף מיט די קעפּ וואַרפן אַריין אַ גראָשן און איטשעס אָפּגעבלאַקעוועטער קאַפּאָטע. גיין זייער וועג.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען איטשע איז נאָך געווען ביי די כחות אַז ער זאָל זיך אַרויסשלעפּן פונם וואַלינסקע־געסל, מיט דער דעה, זיך אַוועקצולאָזן צום זון. מיט אים אַ שמועס טאָן, מכח כיבוד־אָב. אָבער ווייט געגאַנגען איז ער נישט. „יענע גאַסן" שרעקן אים. זיי שרעקן אים דערפאַר, וואָס דאָרט געפינט זיך אַן אַנדערע, אַ בייזע וועלט אַ וועלט, וואָס האָט אים צע־שטערט זיין זקנה. אים צוגערויבט דעם זון. איז ער טאַקע דער־פאַר, געגאַנגען אַרויס פונם געסל און, גלייך, צוריק אַריין, ווי ער וואָלט דערמיט געהאַט בדעה עפּעס אָפּצוטאָן יענע געמיינע וועלט — אַ צולהכעיס: איך, איטשע דער פישער, וועל נישט צו־ליב טאָן: „יענע גאַסן" — דאָס איז אַ טמא אָרט, אַ צמענטאַר... און איך וויל שטאַרבן צווישן יידן.

טאַקע דערפאַר, האָט ער שוין אויפגעהערט אפילו טראַכטן, וועגן אַוועקלאָזן זיך אויפזוכן ערגעץ דעם זון. איז ער געזעסן אַזוי אויפן בריקל. געוואַרט. נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי... אולי ירחם... אפשר וועט ער אַליין קומען. זעליק. אַ קדיש... ווי אַזוי שטאַרבט מען עס — און אפילו א קדיש נישט איבערלאָזן נאָך זיך...

.5

— מיינע דאַמען און הערן! — האָט אויפגעהויבן זיין כוס דער אַלטער גימנאַזיע־פּראָפעסאָר — איך טרונק פאַר דעם געזונט פון פאַן פאַלקאָווסקי!

— הורראַ! — האָבן די געסט אַרום טיש אויפגעהויבן די בעכער.

און ער, זיגמונט, איז געזעסן צווישן צוויי האַלב־נאַקעטע דאַמען א צעשטראַלטער, מיט א גלאַנץ אין די אויגן, אָפּגעענט־פערט די חשובע געסט מיט א לייכטן קאָפּ־טרייסל.

און ווידער נעמען אים עגבערן אין מח פרעמדע מחשבות, אַזעלכע, וואָס ער קען זיי בשום־אופן נישט פאַרטרייבן פון זיך — נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט. אפילו איצט ווען ער פרייט זיך מיט אזא גרויסער שמחה: דער זון גייט אַריבער אויפן אוניווער־

זיטעט — אפילו איצט לאָזן אים די דאזיקע מחשבות ניט במנוחה. ס'האט ניט געהאט קיין פעולה זיין קריסטלען זיך. קומען אין בעסערער געזעלשאפט. שטיצן די „בראַטניאַ-פּאָמאָץ" — מ'האט דערקענט אין אים דעם ייד; מען ווארנט אים. ער זאל אוועק פון דער קריסטלעכער עליטע. און אפשר איצט — פרוווט ער פארטרייבן פון זיך די דאזיקע שלעכטע רעיונות — אפשר איצט, צוליב דעם זון, צוליב די חשובע פראפעסארן, וואס האבן באַוויליקט קומען צו אים אויף דער שמחה — וועט זיך אים איינגעבן איבערצוציינגן אלעמען, אז מ'האט געהאט א טעות אין אים, אז די „בראטניאקעס" זיינען געקומען אויף א פאלשן אדרעס...

דער אַלטער גימנאזיע־פראפעסאר — הויט און ביין, פארדארט און טרוקן. ווי טרוקן עס איז זיין באוועגן זיך ביים טיש, זיין רעדן וועגן פוילישער אינטעליגענץ, לעגיאנען און פוילישער וודקע. הייבט ער דעם בעכער. פּלאָנטערט מיט דער צונג, פון וועלכער עס הערט זיך אַרויס א פלאָנטער פון רייד, געדאנקען, אָן א צוזאַמענבונד:

— די זשידעס האבן באקעמפט דעם לעגיאָן פונם ערשטן פוילישן מארשאַל — דערפאַר באַקעמפן מיר די זשידעס און הייבן דעם בעכער פאַר דעם צוקונפטיקן פוילישן לעגיאָנער, סטאַשעק פאלקאָווסקי!..

הוררראַ!.. הוררראַ!..

*

סטאַך האָט נאָכניט געהאַט קיין ענטפער פון טאַטן, בנוגע דער יידן־פראַגע. וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט. האָט ער באַשלאָסן, מער ניט צו רעדן וועגן דעם, ביז ער וועט אָנקומען אויפן אוניווערזיטעט.

טאַקע אין יענעם יאָר. ווען ער, סטאַשעק, האָט איבערגעטרעטן ס'ערשטע מאָל די שוועל פון דער וואַרשעווער הויכשול

האָט די פּוילישע יוגנט שוין געהאַט צו פאַרצייכנען אַ סך זיגן איבער זייערע יידישע מיטקאָלעגן, בשעת די לעקציעס אויפן אוניווערזיטעט. שוין געווען ווייט נאָכן איינפירן די „געטאָ־בענק“, נאָכן צעשפּאַלטן קעפּ פון יידישע שילער. אָנגעפירט דערמיט האָט די „בראַטניאַ-פּאָמאָץ“. ביי איר האָט זיך געפינען די רשימה פון אַלע רוימיש־קאַטוילישע קאָלעגן און יידישע סטודענטן.

סטאַשעק איז געשטאַנען אויף די בענק פון דער רעכטער זייט און מיטגעהאָלפן אַראָפּטרייבן פון דאָרט די יידן.

ביז איינמאָל איז געשען, אָט־וואָס:

אויף איינער פון די לעקציעס, ווען די סטודענטן האָבן זיך איינגעהערט צום פּראָפעסאָרס אויפקלערונגען, האָבן פּלוצ־לינג, עטלעכע געזונטע הענט זיך איינגעקלאַמערט פון הינטן אין סטאַשעקס קאַרק. אין זיינע אַקסלען, אים גענומען שלעפּן איבער די בענק, צו דער טיר.

איז דאָס דאָזיקע פאַר אים, סטאַשעקן, געווען לגמרי אומגעריכט — מיט אַזעלכע ענינים האָט ער זיך, ביז איצט, אַליין פאַרנומען. לגבי זיינע יידישע מיטשילער. האָט ער זיך, לכתחלה, ניט קענגעשטעלט: זיכער אַ טעות...

אָבער, ווען מ׳האָט אים גענומען שלאָגן, רייסן ביי די האָר — האָט ער אָנגעהויבן שרייען, וואַרפן די פויסטן אין די אָנפאַלערס פּנימער. אויף זייערע קעפּ.

ער איז אָבער געווען צו שוואַך.

האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט אויפן קאָרידאָר, אַרויפגע־וואָרפן אויף אַ באַנק. אַראָפּגעריסן פון אים די הויזן, די אונטער־וועש און, אַזוי, אַ נאַקעטן, געגאָסן אויף אים קאַלטע וואַסער, געשמיסן מיט נאַסע האַנטעכער, לעדערנע פּאַסן, שרייענדיק:

— זשיד! פּאַרך! האָסט אונדז אָפּגענאַרט מיט דיין קאַטוילישקייט... ט׳האָסט!...

און נאָכאַמאָל האָט אַ פליייץ געטאָן אויף אים אַן עמער קאַלטע וואַסער און ווידער האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער זיין נאַקעטן לייב נאַסע שמאַטעס, פויסטן, ביז —

יאָ. ביז דער אַמבולאַנס האָט אים אַוועקגעפירט אין דער כירורגישער אָפּטיילונג, אין שפּיטאָל אַריין.

★

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער פּאַן זיגמונט פּאַלקאָווסקי אַרומעשפּאַנט אין זיין וווינונג, אינם גרויסן, ברייטן גאַסטצימער, אויף איינער פון די שטילע רואיקע געסלעך, ארום דער מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס, געשטעלט ציטעריקע טריט אויפן ווייכן האָריקן דיוואַן.

שוין פיל מאָל, במשך זיין געפינען זיך דאָ, אין דעם דאָזיקן צימער האָט געפלעגט טרעפן, אַז ער זאָל זיך אוועקשטעלן נעבן דער „מאַטקע־באָסקע". וואָס לייכט אַפּער פון אונטער דער איקאָנע, זי באַ ראַכטן און ווייטער שפּאַנען איבערן צימער, זייענדיק אַריינגעטאָן אין מחשבות.

דאָס איצטיקע מאָל אָבער, אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן דעם דאָזיקן בילדל, האָט פון זיינע אויגן אַרויס אַ שפּראָץ געטאָן רציחה. האָבן זיינע ציין זיך צונויפגעקלאַמערט און די באַקן־מוסקולן גענומען טאַנצן. איילִיק זיך באַוועגן אויף די אַראָפּהענגענדיקע קישעלעך פון זיין פּנים.

מיט דיין נאָמען אויף די ליפּן — האָט ער גענומען רעדן צו דער „מאַטקע" — ווערן געמאָרדעט יידן, צעבראָכן יידישע לעבנס; אין נאָמען פון דיין קאַטוילישער רעליגיע. ליגט איצט מיין סטאַשו אויפן שפּיטאָל־בעט; — אַוועק פון מיינע אויגן! — האָט זיך זיגמונט אַ האַסטיקן טרייסל געטאָן און, מיט אַ טרעפּלעבן האַנט־זעץ, פּאַרלאָשן די איקאָנע. אַראָפּגעריסן ס׳הייליקע בילד פון דער וואַנט — דאָס בילד, וואָס איז געהאַנגען אין זיין שטוב איבער צוואָנציק יאָר.

איצט פילט ער זיך שוין נים געבונדן מיט קיינעם. איז ער דאָס, וואָס ער איז.

עס בלייבט אים נאָר איבער צו ראַטעווען סטאַשעקן, זיין סטאַשו — עס זאָל אים קאָסטן דאָס גאַנצע פאַרמעגן.

איז ער אַוועק צום כירורג.

דער פּראָפעסאָר האָט אים דאָס מאָל אויפגענומען מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל, אַ פאַרשטעקטן אונטער די גראָ שטעכלקעס פון זיינע וואָנסעס.

— מיט דעם יונגן פאַן פאַלקאָווסקי — האָט ער אָנגעוויזן זיגמונטן אויף אַ בענקל — איז די געשיכטע אַזעלכע...

ווען דער פּראָפעסאָר האָט גערעדט, איז זיגמונט געזעסן פאַרטיפט אין געדאַנקען. פונם כירורגס רייד האָט ער אַרויסגע־נומען, אַז מיט סטאַשעקן האַלט שלעכט. אויב אפילו ס׳זאָל זיך אים איינגעבן צו דערהאַלטן סטאַכן ביים לעבן, וועט מען אים מוזן אַראָפּנעמען דעם רעכטן פוס.

— ווייל — האָט דער פּראָפעסאָר געגעבן צו פאַרשטיין — דער אויבערשטער טייל פוס, דאָרט, ווו ס׳הייבט זיך אָן דאָס דיקע פלייש, האָט אָנשפּאַר אויפן אונטערשטן טייל און. חוץ מזה — האָט דער כירורג פאַרפעסטיקט די בריקן אויף דעם שמאָלן נאָז־ביין — איז דער קני־שלאָס געוואָרן צע־ריבן, וואָס דאָס וועט זיכער אַריינברענגען אַ פאַרגיפטיקונג אינם גאַנצן קערפער, אויב...

זיגמונט האָט זיך האסטיק אויפגעשטעלט, נישט געלאָזט פאַרענדיקן דעם פּראָפעסאָר.

ער האָט זיך, איילנדיק, אַוועקגעלאָזט אויפן וועג צום קליניק.

סטאַשעק איז געלעגן אין גיפּס. די פאַרב אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעמישט מיט די ווייסע ווענט. קקאָרן קישן, אין וועלכן ס׳איז געלעגן, אומבאַוועגלעך, איינגעגראָבן זיין קאָפּ.

זיגמונט האָט זיך דערנענטערט צום זונס בעט, ווי צו עפּעס אַ הייליקס, שטיל. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. אַריינגעקוקט סטאַשעקן אין די גרויי־סע, צעעפנטע גלעזער פון זיינע אויגן.

דערנעבן איז געשטאַנען אַ „שוועסטער“, נישט צוגעלאָזט זיגמונטן נאָענט צום בעט.

— מען טאָרניט; אין נאָמען פון גאָטס מוטער; ער שלאָפט.

— ווען ער וועט זיך איבערוועקן, זאָלסטו אים זאָגן —

האָט זיגמונט געשטיקט אין זיך טרערן. רעדנדיק צו דער „שוועס־טער" — זאָלסטו אים זאָגן. אַז ער איז אַ...

זי האָט אים געהאָלפן אַרויסגיין פון צימער. אין קאָרידאָר אים דערלאַנגט אַ גלאָז מיט קאַלטע וואַסער.

— יאָ, דו זאָלסט אים זאָגן, דעם זון מיינעם, אַז ער איז אַ — זשיד... אַ זשיד...

6.

אַ פּולע, שווערע מאַסע באַוועגט זיך איבער די אויאַזדאָ־ווער אַלייען, בלייבט שטיין אַ ווײַלע, מאַכט אַ צייכן מיט אַ פינגער אינדערלופטן.

דערמיט שטעלט־אָפּ דער פאַן זיגמונט פאַלקאָווסקי אַ טאַקסע, זעצט זיך אַריין אין איר. הייסט זיך פירן צו דער מיאָדאָווע־גאַס. דאָרט געפינט זיך ס׳געריכט. דער פּראָקוראָר.

ער. זיגמונט, וועט פאָדערן יושר, גערעכטיקייט. וועט פרעגן: פאַרוואָס? —

פאַרוואָס האָט מען צוגענומען ביי אים דעם זון...

שווער איצט צו דערקענען זיגמונטן: ער איז נית דער זעלביקער. וואָס מיט עטלעכע חדשים צוריק. זיך געביטן. דער גאַנצער געשטעל זיינער איז געוואָרן קלענער. פולער. פאַרשווינדן איז פון זיין פנים יענער זכר — די מאַסקע קעגן זיין יידישן אויסזען. אַלץ אויף אים איצט, דערציילט: עס שפּאַנט זעליק, איטשע פישערס זון. פון דער שמאָלער מילע־גאַס.

אָט אַזוי איז ער אַריין צום פּראָקוראָר פון העכסטן געריכט.

— דערהרגעט אייער זון, זאָגט איר — האָט דער סעקרע־טאַר ערנסט באַטאַפּט, מיט זיינע בליקן. דעם אָנקלאָגער — צוליב וועלכע סיבות. זאָגט איר?

— פאָלאַקן האָבן אים געהרגעט — האָט זיגמונט אַראָפּ־געשלונגען אַ שלוקץ — יאָ. פאָלאַקן.

— און ווער איז געווען אייער זון — נית קיין פּאָלאַק?

— יאָ. ניין. אַ זשיד געווען.

— פּאַרוואָסזשע האָבן אים פּאָלאַקן געהרגעט? — איז דער סעקרעטאַר געווען טשעקאַווע צו וויסן.

— דערפּאַר... דערפּאַר, ווייל זיי זיינען מערדער, מיין הער, מערדער האָבן געהרגעט.

— ווי איז אייער נאָמען? — האָט דעם פּראָקוראָרס סעקרעטאַר איינגעשטאָכן זיינע אויגן אין אַ בינטל פּאַפּיר — איר ווערט באַשולדיקט אין באַליידיקן ס'פּוילישע פּאָלק.

★

צווישן אַלט־שטאָט און דער ווייסל שטייט דער קייסער זיגמונט אויף זיין הויכן דענקמאָל מיט אַ צלם אין דער האַנט, מיט אַ צלם, וועלכער ווייזט אין דער ריכטונג צום יעזואיטן־קלויסטער. פּאַרביי מאַריענשטאָט טראָגט זיך, פון דער ווייסל, אַ זומערדיק ווינטל, וואָס גליטשט זיך סיי איבער די יעזואיטן, סיי איבערן קאָפּ פונם פּוילישן קייסער. אויך ווישט ער אָפּ, דער ווינט, דעם שווייס אויפן פּנים פון פּאַן זיגמונט פאַלקאָווסקי.

פונם סעקרעטאַרס ווערטער דרינגט ער אַרויס, אַז דער גאַנצער ענין געהער בכלל ניט צו דער קרימינעלער יוסטיץ, וועלכע איז ניט צודרינגלעך צו די אינוויניקסטן פון אוניווערזי־טעט. דעריבער מוז ער זיך ווענדן צום דעקאַן מיט אַ בקשה, ער זאָל אַרויסגעבן די מערדער צו דער קרימינעלער פּאָליציי.

פּאַרפאַלן. געזעץ.

איז ער אַוועק, איבער קראַקאווער־פּאַרשטאָט, צום דעקאַן.

האָט ער, דער עלטסטער פון די פּראָפעסאָרן, אַ צייט לאַנג געטראַכט. זיך געוואָלט דערמאָנען, ווער עס איז דאָס דער נאָמען פאַלקאָווסקי. עפּעס געדענקט ער ניט. אַז ביי אים, אין הויכשולע, זאָל זיך האָבן געפינען אַזאַ שילער. און אויב יאָ — איז זיכער געווען אַ טעות, אַן אומגליקס־פּאַל. וואָרום, אויב איז ריכטיק. אַז סטאַשעק פאַלקאָווסקי איז געווען איינער פון זיינע שילער, איז, ווי עס גיט איבער דער אוניווערזיטעט־סעקרעטאַר, פאַרצייכנט אין די ביכער. אַז דער דאָזיקער שילער איז געווען אַ רוימישער קאַטאָליק, ממילא. האָט דאָ ניט געקענט זיין קיין

שום בייזוויליקייט. אלא, וואָס דען, דער אָנקלאָגער, דער פּאָטער זיינער, פּאַן זיגמונט פּאַלקאָווסקי, זאָגט, האָט אומבאַגרינדעטע טענות, אַז די קריסטלעכע קאָלעגן זיינען באַפאַלן דעם זון זיינעם מיטן אויסרייד, אַז ער איז אַ זשיד — דאַרף מען די זאַך אויס־פאָרשן, באַטראַכטן; און אויב עס וועט זיך געפינען עפּעס אַ קערנדל פון באַגרינדונג, מכח דעם פּאָטערס אָנקלאַגע, וועט מען אַרויסרופן דעם שילער. סטאַשעק פּאַלקאָווסקי...

— אָבער, מיין הער — האָט זיגמונט איבערגעריסן דעם דעקאַנס רייד — מיין זון...

— ביטע ניט שטערן! — האָט דער סעקרעטאַר ניט גע־לאָזט זיגמונטן פאַרענדיקן.

און טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט די חוצפה זיך אַריינצומישן אין דעקאַנס רייד, האָט מען אים אַרויסגעבעטן פון צימער.

מיין זונס בלוט — האָט זיגמונט געקוקט אויף די רויט־פּאַלעטורטע טרעפּ פונם אוניווערזיטעט־קאָרידאָר — מיטן בלוט פון מיין זון איז אויסגעשמירט דער וועג, וואָס פירט אין פּויליש אוניווערזיטעט...

7.

אין עטלעכע טעג אַרום, אין איינעם אַן אָוונט, האָט זיגמונט פּאַלקאָווסקי אַהיימגעברענגט אַ שמאָלן. לאַנגן קאַסטן, אין וועלכן ס'האָט זיך געפינען, אונטער אַ הילצערנער דעק. דער זון זיינער, סטאַשעק.

און ווידער אין עטלעכע טעג אַרום, אין אַן אָוונט, האָט זיגמונט געהייסן צופאָרן אַ דראָזשקע צום טויער, ווו ער האָט געוווינט, געגעבן דעם דראָזשקאַזש אַ הונדערטער־באַנקנאָט און אים געהייסן צוּוואַרטן אַ ווייליע. אָט קומט ער אַראָפּ מיט זיין באַגלייטער און די דראָזשקע וועט זיי פירן עטלעכע שעה איבער ווארשעווער גאַסן, אויף אַ שפּאַציר.

עס נעמט וווערן שיטערער פון מענטשן אויף די טראָטואַרן פון דער מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס. די נעאָ־לאָמפּן. אויף די הויכע שטאָקן, זוימען אַרום די מויערן מיט רויט־געל־גרין־בלאָע פאַרבן. קעגנאיבער דעם הויפּט־וואָקזאַל, פון אַ מויער אויפן פערטן שטאָק, שטעכט דורך די פינצטערניש, אַ שמייכלדיקער, פּוכקער יאַט האַלטנדיק אין די הענט אַ גרויסן טאָוול שאָקאָלאַד, גע־מאַכט אין דער „וועדעל"־פאַבריק; און איבער אַ ראָגאָווער מויער לויפן בליציקע אותיות, וועלכע צייכנען־אוים. מיט רויטע לעמ־פּעלעך, אויף דער שוואַרצער וואַנט. דעם נאָמען פּיאַסעצקי — פּיאַסעצקי־שאָקאָלאַד איז די בעסטע.

און אונטן, איבערן שפּיגלדיקן אַספאַלט, איבער וועלכן ס'גליטשט זיך דער הימל, די שטערן, רעקלאַמעס און ראַש־פאַבריקע לעמפּעלעך, קלאַפּן־אוים, פּאָדקאָווע. אונטער די פיס פון אַ מיד פערד, אַ טויטן־ריטם, וואָס וויגט־איין דעם פאַן זיגמונט פּאַלקאָווסקי, זיצנדיק אין דאָראָזשקע, נעבן זיין טויטן זון.

אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן אַנצוג, מיט אַ שוואַרצן קאַפּעלוש אויפן קאָפּ. וויגט זיך סטאַשעק אין דער דאָראָזשקע, נעבן דעם טאַטן, האַלטנדיק פאַרמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט געוועזן פאַרטראַכט פאַרטאָן אין דער לעצטער לעקציע זיינער, פונם פּראָפעסאָר אויפן אוניווערזיטעט. און זיגמונט האַלט פאַרקוועטשט זיין שטעכיקע באַק אויפן זונס קאַלטן שטערן, שעפּטשעט אַריין אין אים:

— סטאַשו, דו ביזט אַ זשיד... יאָ... אַ זשיד...

וואַרשע ווערט איינגעשלינגען פון האַלבער נאַכט.

דער דאָראָזשקאַזש איז מיד, וויל אַריינפירן ס'פערד אין שטאַל, וויל זיך אַוועקלייגן נעבן דעם צעפּאַרעטן ווייב.

דרייט ער זיך אוים צו זיינע פּאַסאַזשירן:

— זאָל איך אָפּפירן די הערשאַפט צוריק אַהיים?

דערויף שטופט זיגמונט אַריין. אין איילעניש. דעם דאָ־ראָזשקאַזש אַ הונדערטער באַנקנאָט אין האַנט און הייסט פאָרן צו דער פּאָניאַטאָווסקי־בריק.

— ס'איז דאָך אַזאַ לויטער וועטער...

און אַרויסברענגענדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט; ער האָט זיך דערמאָנט אָן צוויי שטיקלעך לייוונט, וועלכע ליגן ביי אים אין קעשענע. האָט ער זיי אַרויס־גענומען פון דאָרט — איינס צוגעטשעפּעט צום זונס מאַרינאַרקע, ס'צווייטע — צו זיינער.

פון קעגנאיבער דער גאַס האָט זיך געטראָגן אַ לייכט ווינטל, געקעמט די צעשויבערטע האָר אויף זיגמונטס קאָפּ, גע־וויגט די עלעקטרישע לאָמפּן, געקלאַפּט אין די שילדן אויף געשלאָסענע קראָמען. איבערן ברוק פון גאַסן און געסלעך האָבן זיך געצויגן לאַנגע שאָטנס פון פאַרשפּעטיקטע אַהיימגייער און טיילמאָל האָט דורכגעשניטן די גאַסן־שטילקייט אַ פריילעך, אויסגעלאַסן געלעכטער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַ טונקעלן טויער אַרויס.

נעבן דער פּאָניאַטאָווסקי־בריק האָט דער דאָראָזשקאַזש אַרויסגעלאָזט אַ הילכיקן גענעץ און געבליבן שטיין.

*

איינע אַליין איז געהאָנגען די ריזן־בריק, מיט אירע טאָנען אייזן, איבער דער ברייט פון דער וואַרשעווער ווייסל.

אין דער איצטיקער שפּעטער נאַכט־שעה, קוקנדיק אויף דער אָפּגעריייניקטער בריק האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי, די בריק, איז בכלל אַן איבעריקע זאַך. איבעריק דערפאַר, וואָס קיינער באַנוצט זיך ניט מיט איר, קיינער נייטיקט זיך ניט אָן איר.

בלויז אינמיטן פון דער בריק, אין אַ בודקע, האָט זיך געטולעט אין אַ ווינקל, אַ היטער פון רו און אָרדנונג. אַלע ווײַלע אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, געוואָלט וואָס־גיכער אַראָפּפּטרן זיין נאַכט־דינסט.

— צום טייוול! עס פעלט נאָך פיר שעה צו דער אכטער!..
און —

ביי די שטאַכייטן, נעבן איינגאַנג אויף פּאָניאַטאָווסקי־בריק, האָט זיך געקלאַמערט זיגמונט פּאַלקאָווסקי, זיך געקלאַ־מערט מיט דער איינציקער פרייער האַנט אינם קילן אייזן. אין

זיינע אויערן האָט נאָך געראָשט דער עכאָ פונם דאָראָזשקאַזשעס פייף. ווען יענער האָט דערלאַנגט דעם פערד מיט דער בייטש, פאָרנדיק צוריק.

— די הערשאַפט איז שכור — האָט ער דאַן אַ פריילעכער אויסגעשריגן.

און בשעת־מעשה געקנאַקט מיט די צוויי הונדערטער באַנקנאָטן, וואָס די שכורע פאַסאַזשירן האָבן אים דערלאַנגט, נאָך אַ נאַכט־הולאַנקע. כדי זיך אָפצוקילן פונם ביטערן טראָפּן.

די ווייסל האָט געשוימט כוואַליק. אַ כוואַליע איבער אַ כוואַליע. איינגעשלינגען אין זיך שטיקער נאַכט. צעברעקלט דעם הימל, זיך געשפּילט מיט די שטערן, וועלכע האָבן זיך אין איר געצונדן, געלאָשן און ווידער אַ פינקל געטאָן.

איינזאַם, איינער אַליין, אָפּגעריסן פון וועלט און מענטש וואַקלט זיך דער פאַן זיגמונט פאַלקאָווסקי איצט. אין דער שפּעטער נאַכט־שעה אַרום די קאַלטע שטאַכיטן. אויף פּאָניאַטאָווסקים בריק. דער איינציקער וואָס איז געבליבן מיט אים איז, סטאַשעק דער זון זיינער. וועלכער וויל זיך אויך פון אים אָפּטיילן, איז איינגעעקשנט, וויל זיך דוקא ניט באַהעפטן מיטן טאַטן.

אָבער זיגמונט ברעכט זיין עקשנות: ער בינדט אים צו צו זיך מיט אַ ברייטן לעדערנעם פּאַס און, אָט אַזוי, שפּאַנט ער מיט אים אויפן אַספאַלטירטן טראָטואַר. —

סטאַשו, סטאַך. פוילישע פּאַטריאָטן האָבן דיך געהרגעט... איך, דיין טאַטע. דער ייד. בין מיט דיר. קינד מיינס...

אַ פּאַרשפּעקטער. וואַרשעווער איינוווינער איילט פאַרביי פון דער פּראַגער זייט. לויפט איבער דער בריק, זעט, ווי עס אמפּערן זיך צוויי מענטשן, קערט ער אָפּ פונם טראָטואַר: ניט כדאי זיך אָפּצושטעלן. ווען שכורים האָבן ניט קיין מנוחה...

אויך דער פּאָליציאַנט אַרויסקוקנדיק פון בודקע. אויך ער ווערט אומרואיק: אין זיין אַמטיר־שעה, ווען ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדנונג, קומט עפּעס פאָר אויף דער פּאָניאַטאָווסקי־בריק...

און ער שפּילעט־אָפּ דעם רעוואָלווער־טאַש, נעמט פאַרלאָזן זיין פּלאַץ: —

הינטישע זין!..

די עלעקטרישע לאָמפּן אויף די הויכע מעטאַלענע סלופּעס, האַלטן פאַרשטעקט זייערע בליציקע שפּיזן אינם חושך פון דער נאַכט. און זי, די נאַכט, האַלט פאַרטולעט אין זיך ביידע זייטן פון דער ווייסל — וואַרשע און פּראַגע, דריקט אויף אומרואיקע, פאַרשלאָפענע בירגער, וועלכע רוען נאָך אַ טאָג אַרבעט, אַרומלויפן צווישן גאַסן און געסלעך.

בלויז אויף פּאָניאַטאָווסקיס בריק הערט זיך אַן אָפּקלאַנג פון מיט אייזן־געקאָוועטע שטיול אויף שטיינערנעם טראָטואַר, זעט זיך אַ פאַרקוועטשטער, הייסער פינגער אויף אַ קאַלט צינגל פון אַ רעוואָלווער: —

— הינטיש בלוט...

און אָט —.

האָט זיך אַלץ פאַרענדיקט.

שוין.

דער פּאָליציאַנט פאַרשפּילעט צוריק דעם רעוואָלווער אין טאַש, גייט צו צו יענעם אָרט, וווּ ס'האָבן זיך, מיט אַ ווײַלע צוריק, געאַמפּערט צוויי מענטשן, נעמט אַרויס אַ נאָטיץ, אַ בלייפעדער און פאַרצייכנט, אונטערן שויץ פון אַן עלעקטרישן לאָמפּ:

„דאָנערשטיק, אין דער נאַכט פונם פינפטן אויפן זעקסטן מאַי, אין דער שעה פיר מיט דריי און צוואָנציק מינוט, האָבן זיך אַראָפּגעוואָרפן, פון דער באַריערע אויף פּאָניאַטאָווסקיס בריק, אין דער ווייסל, צוויי מענטשן. די אַלאַרמירטע הילף האָט ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטן”.

פאָרגעקומען איז דאָס זומער, אינם יאָר ניינצן אַכטן דרייסיק.

איצט קען ער שוין גיין, דער פּאָליציאַנט. צוריק דרעמלען אין זיין בודקע: ביז דאַנען האָט אים פאַרפליכטעט זיין דינסט. ווייטער ניט.

צוריקגייענדיק, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, ווידער אויפֿגעעפֿנט ס׳ביכעלע און פֿאַרצייכנט:

„איידער די אומבאַקאַנטע מענטשן זײַנען אַרײַנגעשפּרונגען אין ווײַסל, האָט זיך געהערט אַן אויסגעשריי:

„איך באַשולדיק דאָס גאַנצע פּוילישע פֿאָלק!”

דער הימל איז זיך פֿאַנאַנדערגעפֿאַלן אויף־אַ סך שטיקער, וועלכע האָבן זיך געוויגט אויף בײַזע, שוימיקע כוואַליעס און זיי, די ווײַסל־כוואַליעס, זײַנען געשפּרונגען איינע אויף דער אַנדערער, געצאַפּלט מיט אַ הייזעריק הירזשערײַ, מיט אַ הילכיק ברומען, מלא רציחה, וואָס אימעצער האָט געוואָגט זיי שטערן זייער געוויינלעכן גאַנג, אין דער איצטיקער, שפּעטער נאַכט־שעה.

און ווידער האָט זיך באַרואיקט די ווײַסל. און ווידער האָט אײַנגעדרעמלט דער פּאָליציאַנט אין זײַן בודקע. רואיק איז געוואָרן אויף פּאָניאַטאָווסקים בריק.

בלויז איינער אַ דראָזשקאַזש האָט זיך געטולעט אין בעט, צו זײַן ווײַב, איר דערציילט די געשיכטע מיט צוויי שכורע פּאַ־סאַזשירן, וואָס האָבן אים געגעבן צוויי הונדערט זלאָטעס פֿאַר אַ צעהולעטן נאַכט־שפּאַציר.

8.

— דור הולך ודור בא... זעטץ קינדערלעך, זעטץ — שוין ניטאָ עלע דער טאָקער, געשטאָרבן איז שמואל־ליפּע מלמד, עס לעבט שוין ניט הערשקע דער סופֿר, אַוועק איז אויף יענער וועלט פּייזול דער סטאָלער... עליהם השלום... נאָר איך, איטשע דער פֿישער, איך אַליין לעב נאָך... גאָט האָט מיך געשטראָפֿט מיט זײַן שטאַרקער האַנט... ווײ־ווײ־ווײ! אַלץ צוליב זעליקלס חטאים... אויף אַלע וויסטע פֿעלדער... בנים גדלתי... והם פשעו...

געסלדיקע אײַנוווינער לויפֿן פֿאַרבײַ דעם אַלטן איטשע, וואַרפֿן אים עפּעס צו און אײַלן זייער וועג.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אין געסל לאַנגע חדשים, זומערס

און ווינטערס. מ'האָט זיך צוגעוויינט צו אים. אַנדערש קען עס שוין ניט זיין.

ביז איינמאל האָבן זיך יידן גענומען שושקען אַרום די קראם־בריקלעך:

— וואס. וואָס איז געשען?

— אַ וואַזשנע מעשה, א וואַזשנע געשעעניש...

— צום ביישפיל?

— ששאאא. יידן, ששאאא! זאָל דער אַלטער ניט געוואר־ווערן...

און יידן שפרייטן פאַנאנדער אַ ציימונג, לייענען אויף א קול, אַלע צוזאמען:

„מיט עטלעכע טעג צוריק האָט די ווייסל. נעבן פעלצע־וויזנע. אַרויסגעוואָרפן צוויי צונויפגעבונדענע טויטע קערפערס. פריער איז געווען אַ סברה אַז דאָ איז פארגעקומען אַ גוואַלט־אַקט. דערנאָך האט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ איז געשען אַ טראַ־גישער זעלבסטמאָרד. ווארום צו די מלבושים פון די טויטע קער־פערס איז געווען צוגעטשעפעט שטיקלעך ? יוונט. מיט אויסגע־נייטע בוכשטאַבן. אַז זיי זיינען יידן — אַ פאָטער מיט אַ זון. אויפן פאָטערס מאַרינאַרקע איז געווען אָנגעשריבן: „איך הייס זעליק. אַ זון פון איטשע דער פישער. וואָס וווינט אויף וואלינסקע־גאַס.“ אויפן זונס מאַרינאַרקע לייענט זיך די אויפשריפט: „איך הייס סטעפאַן פאַלקאָווסקי. א זון פון זעליק און איניקל פון איטשע פישער. סטודענט אויף וואַרשעווער אוניווערזיטעט. אומגע־קומען פון בעסטיאַלישע הענט, אינמיטן אַ לעקציע — קרבן פון יידישן אפשטאם.

די אויספאָרשונג איז אין גאַנג“.

געסלדיקע יידן האבן געוואָלט, אַז די נייס זאָל ניט דערגיין צו איטשען. זאָל ער נאָך לעבן. וועמען גייט'ס דען אָן. אָבער —

אין איינעם אַ טאָג איז אַראָפּגעפאָרן אַ דראָזשקע אין געסל. פונוואַנען ס'איז אויסגעשטיגן אַ ייד און געפרעגט אויף

איטשע פישער. און אַז ער האָט אים געפונען, האָט ער אים אַריינגעזעצט אין דראָזשקע.

— קומט, רב ייד, — האָט ער אים איינגערוימט אין אויער

— איר וועט פאַרדינען אַ מצוה...

אויפן פּראַגער בית־עולם, צווישן אַלטע מאַצאַלעס, נעבן אַ הויכער, ציגלדיקער וואַנט, שטייט געבויגן אַן אַלטער באַגראַבער, האַלט אונטערן אָרעם איטשע דעם פישער.

און ער, איטשע, בעט זיך ביי אים:

— גראַב, באַגראַבער, גראָב נאָך אַ קבר... אויך פאַר מיר דעם טאַטן און זיידן, גראַב, גראַב...

צווישן קברים, אין אַן ערב־בין־השמשות, האָט זיך פאַנאַנדערגעקייקלט אַ וויינענדיקער, שטילער, קרעכצנדיקער —

יתגדל ויתקדש שמיה רבא...

דאָס האָט איטשע געזאָגט קדיש נאָך זיין זון און אייניקל — דער איינציק איבערגעבליבענער יורש נאָכן פאַן פאַלקאָווסקי, דעם ייד, וואָס איז אַנטלאָפן פון די יידישע הינטערגעסלעך, וואָס האָט געלעבט אין וואַרשע, אויף „יענע גאַסן".

ווינדסהיים, פעברואַר 1947.

אָשר

טאַטע־מאַמע זיינען געקומען צו א הסכם אוןביידע האָבן, גלייך, באַשלאָסן:

אָשר זאָל חתונה האָבן; אָשר זאָל ווערן אַ ייד מיט יידן גלייך.

זיינען געקומען שדכנים, שדכנטעס.

און ער, דער טאַטע זיינער. אָשרס, דער סטאָלער, האָט יעדן אָוונט געמוזט איבערדעקן דעם טיש, די העבלעס. מיט אַן אַלט, געלעכערט פאָרהאַנג, אַוועקגעשאַרט די האָלץ־שפענער פון אַרום וואַרשטאַט און, צום צוויפילסטן מאָל, אויסגעשפיגן א צופרידענער, וואָס דאָס האָט געהאַט צו זאָגן:

ער קען שוין קומען, דער שדכן — אַלץ איז פאַרטיק.

בשעת־מעשה האָט ער געריבן איין האַנט־דלאָניע אין דער צווייטער — הענט, האַרטע, שווערע. ווי די בוקאָווע ברע־טער, וועלכע דער סטאָלער האָט געגרייט פאַר באַלעבאָסטעס צו האַקן אויף זיי פיש.

און זי, די סטאָלערקע, אָשרס מאמע, האָט, שטייענדיק אין אַ שטוב־ווינקל, אַרונטערגעשטופּט אונטערן שייטל די אַפערפאַלנדיקע האָר־צויטן, געטרייסלט מיט דער רויטער אַר־בעס־בראָדעווקע איבער דער אויבערשטער ליפּ. וואָס דערין איז געלעגן אַ כוונה:

אוי, רבונו של עולם, ווי דערלעבט מען שוין!

זייער שווער איז טאַטע־מאַמע אָנגעקומען דאָס חתונה־מאַכן אָשרן. אַנדערש, ווי ביי די איבריקע קינדער, איז געווען מיט אים, דעם יונגסטן פון די זין. —

אַ קליינגעוואוקסיקער, מיט אַ גרויסן קאָפּ, האָט ער יעדן טאָג אַוועקגעטראָגן זיינע אַרום אַכצן יאָר אין רבינס בית־המדרש אַריין, זיי דאָרט געקוועטשט איבער אַ „יורה־דעה", אַ „חושן־משפט" — און ניט געפילט די וועלט, וועלכע דרייט זיך ארום אים.

בלויז אין די אָוונטן איז ער געקומען אהיים, כדי איבער־צונעכטיקן, כדי צומאָרגנס צוריקצוגיין אין בית־המדרש אריין.

האָט זיך די מאַמע צו אים צוגעזעצט אין איינעם אַ שפּעטן אָוונט אַזאַ:

— הערסטו, אָשר, הער, אַ ייד האָט זיך געפרעגט אויף דיר, איינער א ייד.

— אַ ייד?

און מער האָט ער גאָרניט געזאָגט, אָשר. ער האָט גע־נומען לייענען קריאת-שמע אויף אַ קול.

שוין לאַנג, גאַנץ לאַנג, פילט ער, אָשר, אַז אין שטוב איז עפּעס ניט, ווי שטענדיק — אַז דער וואַרשטאַט איז איבער־גערעקט, דער דיל אויסגעקערט — טאַטע־מאַמע קענען ניט דורכקומען מכח נדן, מכח אַ גרייט געשעפט, וואָס עפּעס אַ מיידל האָט בירושה.

רויטלט ער זיך, אָשר, רויטלען זיך זיינע גרויסע אויערן, אויף וועלכע ס'ליגט אַ מאַסע — צוויי בונט, מיט האָר — פּאות, וואָס זאָגן עדות, וועגן תמימות פון זייער בעלבאָס, וועלכע געדענקען אָשרן, ווען ער האט אָנגעהויבן גיין אין תלמוד־תורה, צו פינף יאר.

און חתונה האָבן וויל ער, מוז ער — ס'אַ מצוה. נאָר וואס דען: ער וועט נעמען די הסכמה ביים רבין.

אַזוי זאָגט ער טאַקע אין שטוב: —
פרעגן דעם רבין און שוין.
האָט געטראָפן איינמאָל, אין אַ פרייטיק אָוונט:
די הייסע קנויטן האָבן אַרומגעלעקט דאָס חלב, וואָס האָט געטריפט אין די בלעכענע לייכטער. אָשר האָט אַרויס־געציקלט פון זיך, מיט כוונה, דעם —
יה אכסוף נועם שבת —
איינמאָל, נאָכאמאָל.
האָט אים איבערגעשלאָגן די רעיונות אַ הילביקער:
— גוט שבת!
איז ער א ווײלע אַנטשוויגן געוואָרן, און ווידער —
יה אכסוף, אכסוף נועם, הוי־אוי — נועעם ששששבתתתת!
האָט עס זיך טאַקע אָנגעהויבן אין דעם דאָזיקן פרייטיק־דיקן אָוונט:
— נו. שוין, גענוג. שוין, אָשר.
— וואָס ווילסטו, מאַמע?
— גיי אַרויס אויף אַ ווײלע. גיי מיטן ייד.
— וווהין?
— גיי, ווײסטו אַ קוק טאָן און שוין.
דער אַרייננעקומענער ייד איז געזעסן אויף אַ בענקל, געווישט די באָרד מיט אַ פייכטער האַנט, געפאַלדעוועט דעם שטערן און געוועזן צופרידן:
הונדערט דאָלאַר איז דאָ — כסף ממש! דאָס אייזן־געשעפט ווערט געשאַצט — כפליים; בגדי־חתן פון דער כלהס צד און פונם צד שכנגד — כלה מתנות; אזוי, אַז אַ קימאַ־לן צען פּראָצענט קומט דעם שדכן, ועל פי יושר — אַ שיינע מתנה אויך.
— וואָרום, פאַרשטייט איר מיך, מחותן: דער כלהס צד איז מלא־ וגדיש און זי אליין, די כלה, מיין איך — אַן אבן־טוב.
אַרויסברענגענדיק די דאָזיקע ווערטער, איז דער שדכן געוועזן טשעקאווע צוזעסן, וואָס פאַרא רושם זיינע רייד וועלן

איבערלאָזן אויף די פּנימער פון די צוהערער. האָט ער גע־וואָרפן בליקן פונם סטאָלער צום ווייב און פון איר — צו אָשרן.

וואָס זאָגט דער חתן. הא. וואָס זאָגט ער?

און אָשר איילט זיך, וויקלט זיך אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע, אינם גארטל — ווי ער וואָלט געדאַרפט אַראָפּפּטרן פון זיך אַ גאר שווערן ענין.

ער פארשטייט ניט:

צוואָס די אלע הצטרכותן, הכנות — צוואָס דארף מען מאַכן אַ „זעאונג”, האַ, צוואָס?

— נו, חתן, ביזט שוין פארטיק? — האָט דער שדכן איבערגעהאקט אָשרן זיינע רעיונות — קום, מען דאַרף גיין.

— וואַרטיך, וואַרטיך־צו אַ ווײַלע — האָט די סטאָלערקע ארויסגעשטעקט איר שייטל פון קיך־ווינקל — איך גיי אויך.

און אַלע דריי — דער שדכן, אָשר, די מאַמע — זיינען אַרויס אויף דער גאַס.

אָשר איז געגאַנגען אינמיטן ברוק, געגאַנגען אַ פאַרדבקה־טער, מכח דער היינטיקער סדרה, מכח דעם, וואָס דער רבי וועט באַלד זאָגן וועגן איר ביים „טיש”.

אַ קיל אָוונט־ווינטל האָט געטריבן די שוויים־טראָפּנס איבער זיין שטערן און באַקן.

היינט איז שבת. און ער, אָשר, וווּהין גייט? און וואָס וועט ער דאָרט זאָגן?

דער דאָזיקער „דאָרט” האָט געמאַטערט זיין מח:

דאָרט, ערגעץ שטייט אַ מיידל, וואַרט אויף אים. וואָס זאָל ער. ס'ערשטע, זאָגן דעם דאָזיקן מיידל? „גוט שבת” זאָל ער איר זאגן?

— מאַמע. קום נאָר אַהער — האָט ער אויסגעגלייכט זיין סאַמעטן היטעלע מיט דער סטאָלערקעס שייטל — איך גיי צום רבין.

— משוגע מיינע שונאים! מיר גיין דאָך אויף אַ „זעעניץ”.

— נו, גוט וואָס דו וועסט זאָגן, וועט זיין גוט.

— אָבער אָשר, איך וועל דאָך נים חתונה האָבן מים איר.
— וועלן מיר דאָס מאַכן מאָרגן, נאָך דער מלוה-מלכה.
— ניין, אשר — איז די מאַמע געווען איינגעשפּאַרט — מאָרגן גיין מיר צום מחותן אין שטוב אַריין.

אָט אַזוי רעדנדיק, זיינען זיי צוגעקומען צו אַ טונקלען טויער, ווו דער שדכן האָט אויסגערופן:

— דאָ איז עס!

אַרום האָט גערוישט די גאַס. יונגע פּאָרלעך האָבן פאַר־הילכט די לופט, געגעסן אייז־קרעם, זיך געשטויסן אין דער מענטשן־ענגשאַפט. לאַנגע טראַמוויי־רייען גלייכן אויס איןביידע זייטן די טראָטואַרן. טרייבן אַראָפּ שפּאַצירנדיקע מענטשן־קופּקעס פון ברעג און איבער אַלעמען — אַ שמאָלער הימל־פּאַס. וועל־כער ליגט אַן אָנגעשפּאַרטער אויף טונקלע, הויכע־טויער־ראַנדן, וואָס באַשאָטענען די גאַס אין איר לענג און ברייט.

אויף פאַלן ברעקלעך שאָטן, פונם פאַרקאָפּטשעטן נאַפט־לעמפּל אין טויער, אויף די פּנימער פון אָשרן און זיין מאַמע, אויפן פּנים פון אַ מיידל, וועלכע ווייס נים וואָס צו טאָן מים אירע הענט.

— וואָס איך טו שבת? — ענטפערט זי אויף דער סטאָלער־קעס פראַגע — שבת זיץ איך אינדערהיים, קוק אַריין אין אַ ספר.

— און איך זיץ שבת ביים רבין.

דאָס דאָזיקע האָט געזאָגט אָשר צו אַ ייד, וועלכער איז געווען דעם מיידלס טאַטע.

און געשטאַנען זיינען זיי — דאָס מיידל מיט דער סטאָלערקע און אשר מיטן מחותן — אין צוויי טויער־ווינקלען, ווייט אָפּגע־רוקט איינס פון ס'אַנדערע.

אָשר איז געווען צופרידן, וואָס ער רעדט מיטן מחותן, זעט אונטער זיין היטל אַ ברייטע, טיפע יאַרמלקע.

און דאָס מיידל האָט געוואָרפן בליקן צו יענעם ווינקל, ווו ס'איז געשטאַנען דער טאַטע אירער, אָשר, געוואָלט האָט עפּעס זען — אַ פּנים, וואָס זאָל זיך אַרויסשיילן פון דער טונקל־

קיט, — און געזען האָט זי צוויי שוואַרצע קאַפּאָטעס פּאַרטולעט אין טויער־ווינקל.

און שוין.

און מיטאַמאָל:

דער שוואַרצער פלעק, וואָס איז געשטאַנען אין טויער־ווינקל, נעמט זיך אַרויסרוקן פונדאָרט.

דאָס שלעפּט אָשר נאָך זיך דעם מחותן:

— אַ שאָד אָפּצובטלענען אַ שבת; קומט מחותן!

און ביידע, אָשר און זיין מחותן, זיינען אַרויף צום רבין צום „טיש".

אינדערהיים האָט די סטאָלערקע געזאָגט צום מאַן:

— אַ יידיש מיידל. רעדט ווי אַ סוחרטע. אַ פלאָם פייער.

האָט דערויף דער סטאָלער געטאָן אַ צופרידענעם שפּיי פאַר זיך.

— דאַכט זיך, האָסט געזאָגט, אַז דער מחותן איז אויך געווען, נו?

— דער מחותן, אַ שיינער ייד. אַ הדרת פּנים. פון אַ יידישער משפּחה.

— און אָשר וואָס זאגט?

— אָשר זאָגט, אַז ער פאַרלאָזט זיך אויף מיר; אַז אַלץ, וואָס איך וועל זאָגן וועט זיין גוט.

איז געבליבן בהסכם, אַז אם־ירצה־השם, מאָרגן, נאָך מלוה־מלכה וועט מען אַרויפגיין צום מחותן, זיך דורכשמועסן, מכח אַ תכלית פאַר די קינדער.

*

אין גאַס, צווישן שכנים האָט מען אים גערופן — דער אייזן־קרעמער; אין „שטיבל", ביים רבין — הענעך.

הענעך, ווען מאכסטו אַ שמחה?

הענעך, ווען גיסטו אויף אַ „לחיים"?

דער ערשטער נאָמען זיינער, מיט וועלכן מ'האָט אים גערופן אין געסל, האָט געהאַט מיט אים אַ קנאַפּן שייכות: ער

איז קיינמאל נישט געקומען אין קראם אַריין, נישט געהאַט קיין ידיעה אין אייזן־מסחר.

זי, גאָלדע, די טאָכטער, האָט געהאַט ווינטער רויטע הענט פון האַלטן אין זיי דאָס געפרוירענע אייזן און זומער זיינען זיי, די הענט, געווען קיילעכיק, אויפגעבלאָזן, נאָכדעם, ווי דער פראָסט האָט געפּלאַצט אויף זיי. אין די אָוונטן, נאָכן שליסן די קראָם, ברענגט זי אַהיים אַ גרויסן, שווערן, לעדערנעם בייטל, דרייט אים איבער אויפן טיש מיט אַ טראַסק, וועקט דאָס דאָזיקע אויף דעם דרעמלענדיקן טאַטן, וועלכער האַלט פּאַרקוועטשט די קאָלטענעס פון זיין באָרד אין אַ פייכטער האַנט־פּויסט.

— האַ, גאָלדע, ווי קוקט־אויס דער פּדיון, האַ?

— באַלד, טאַטע, כ'וועל איבערציילן וועסטו וויסן.

אַזוי יעדן אָוונט, אַזוי זומערס און ווינטערס.

פון יענעם טאָג אָן, זינט די מאַמע איז אַוועק אויפן עולם האמת, איז שוין צוגעקומען צו גאָלדעס זיבעצן יאָר, עפּעס מער איבער די צען. אַזוי, אַז איצט טראָגט זי אויף איר הויכער פּליי־צע אַ קימאַ־לן פון קרוב צו די דרייסיק.

און אַ שידוך, אַ לייטישער, קומט נישט אונטער.

זי וואָלט שוין, מסתמא, מי יודע פון ווען אָן געטראָגן אַ שייטל אויפן קאָפּ, נאָר ער, דער טאַטע — אים געפעלן נישט די תתנים:

אַ בחור דאַרף זיין אַ למדן, מוז האָבן אַ ידיעה אין הלכות בשר־וחלב טאָר נישט זיין אַ — לחטוב בו עצים.

און דערמיט האָט אויך זי, גאָלדע, מסכים געווען: ווייסעך־וואָס — אָפּגעמאַטערט אַ לעבן, אַ יידישע שטוב, אַ פּרנסה־קראָם — דאַרף מען נישט מבזה זיין דער מאַמע אויף יענער וועלט, נישט אויסרייסן דעם שורש. וואָס וואַקסט פון דור דורות — אַ ספר־היוחסן פון זיידעס. יידן שלימים, ביז אים, העניכן, דעם בעל־תוקע אין רבינס „הויף".

איז עס געבליבן, אָט אַזוי, ווי מיט יאָרן צוריק:

העניך האָט צו יעדן יום־טוב איינגעשריבן אין זיינע „קוויטלעך" צום רבין — זווג טוב לבתי גולדה; און ביי איר,

דער טאָכטער, איז דער קאָפּ אַרײַנגעוואַקסן־צווישן די אַקסלען, באַקומען דעם אויסזען, ווי דער אלטער, אַרומגעפליקטער קאָל־פּיק דעם טאַטנס, וואָס וואַלגערט זיך שוין יאָרן־לאַנג אויף דער שאַנק.

האָט עס אַזוי אָנגעהאַלטן, ביז —

יאָ, ביז גאָלדע איז אַהיימגעקומען נאָך דעם „זעאונג", וואָס זי האָט געהאַט אין טויער מיט אשרן.

— נו, וואָס זאָגסטו, האַ? — איז דער טאַטע געווען טשעקאַווע צוּוויסן.

— וואָס זאָלעך זאָגן — האָט גאָלדע אײַנגעקנײטשט די קישעלעך אויף אירע באַקן — דו האָסט דאָך געזען, זאָג דו.

— נו, מילא, וועלעך טאַקע זאָגן: ער געפעלט מיר שטאַרק.

בפרט, דער שדכן איז געקומען, געזאָגט: יענער צד איז מסכים — האָט מען זיך גענומען גרייטן צום מחותנים־צוזאַמענ־טרעף, וואָס דאַרף פאָרקומען נאָך מלוה־מלכה.

★

אַנדערש האָט ער זיך נוהג געווען אין די וואָכעדיקע טעג. ווי אין שבת און אַנדערש — דעם הײַנטיקן שבת ווי אַלע שבתים פון אַ גאַנץ יאָר. אויב אין די פריערדיקע שבתים. נאָכן אַהיים־קומען פון רבינס „טיש", האָט ער געפלעגט אַרײַנקוועטשן די באָרד אין אײנער פון זײַנע פויסטן, זי געקנײטשט איבערן מדרש אַזוי לאַנג, ביז דער קאַלפּיק איז אים אַרונטערגעפאַלן פון קאָפּ — האָט ער דעם הײַנטיקן שבת אַהיימגענומען עטלעכע מקורבים פון בית־המדרש, געפראַוועט מיט זיי דעם שלש־סעודות, אויס־געדבקהט, צוזאַמען מיט זיי, דעם —

— זרעינו וכספּינו אים־באַם־באַי. הוי! כספּינו ירבה כחול. —

האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אַרײַנגעקומען דער סטאָלער, אָשר און די מאַמע.

— גוט וואָאאָך!

— אַ מזלדיקע וואָאאָך!

און מ'האָט זיך געזעצט אַרום טיש.

דער טיש — אַ מזבח: אָנגעפּילט מיט ווײַן, חלות און רויך פון נאָכשבתדיקע פּאַפּיראָסן, רויך, וואָס האָט געשמעקט מיט חלב פון שבתדיקע לײַכטער; די אַרומזיצער — פאַרפלאַמטע פּנימער, פײַכטע אויגן און בערד, אײַנגעטונקענע אין הבדלה־ווײַן.

בײַ איין ברעג טיש זיצט גאָלדע. נעבן איר — די סטאָ־לערקע. קענגאיבער — אָשר, דער טאַטע און העניך מיט זײַנע מקורבים.

ווענן וואָס מען שמועסט? — מכּח דעם רבין פון פּשיסכע און דעם „ייד" הקדוש.

— פּלא פלאים! — צעטרייסלט אײנער פון די יידן באָרד און פאות.

— מחיה מתים געווען! — איז אַ צווייטער מסכים.

און אשר דערציילט ווייטער:

— האָט דער רבי פון צאנז, זכרונו לברכה, אַרויסגעטריבן דעם דיבוק...

— אַרויסגעטריבן בפועל־ממש! — גיבן־צו די יידן.

— בפועל־ממש! — זאָגט העניך. אַרויפלייגנדיק דעם קאַלפּיק אויפן קאָפּ.

און הויך, איבער אַלעמענס קעפּ, אויפן מיטן פון ווייסן סופיט, טיילט זיך אַרויס אַ שוואַרץ טעלערל, אַ רעדעלע אַזאַ, וועלכעס צייכנט זיך אַרויס פון ברייטן זשיראַנדעל, וואָס פאַר־דעקט אַ גרויסן, בליציקן, עלעקטרישן לאָמפּ.

אינם מיטן פונם דאָזיקן רעדעלע, האַלט זי, גאָלדע, אײנ־געשטאָכן איר בליק.

וואָס זעט זי דאָרט?

אַ חלום פון אַ מאַן אין שטוב — אַ יונגן מאַן. אַ יידישן מאַן — אַ מאַן. וואָס וועט פאַרדעקן אירע קרוב דרייסיק מיידלשע יאָרן.

און ער, דער סטאָלער, קען ניט געפינען קיין פּלאַץ אויפן טיש, ווו אַוועקצולייגן זײַנע הענט — הענט שווערע, ברייטע, אַרײַנגעזעצט אין קורצע אַרבל פון אָשרס קאַפּאָטע. שפּיט ער

אַלע ווײַלע אונטערן טיש, שפּײַט און איז אומצופרידן, וואָס ער זיצט דאָ. צוּוואָס ער איז בכלל געקומען דאָ אַהער.

ער געדענקט:

אויך ער האָט אַמאָל חתונה געהאַט. אויך געקומען צום מחותן אין שטוב אַרײַן — האָט מען דען געמאַכט דעמלט אַזױפיל העויות: יידן מיט קאַלפּיקעס פאַרהערן דעם בחור, האַלטן אים „אויפן צימבל". קבי־כאַ־כאַ!

ער וואָלט זיך אָט איצט פאַנאַנדערגעלאַכט הויך, אויף אַ קול. אַ נעם געטאָן אשרן, ס'ווייב און אַוועק פונדאַנען.

איז אָבער זי, די סטאָלערקע, פאַרנומען מיט גאָלדען: טאַפּט אויף איר ס'קלייד, קוקט אויפן האַלז, אויף די הענט, וויל געפינען, צי זי, די קומענדיקע שנור אירע, האָט נישט עפּעס אַ חסרון אַזאַ, פונוועלכן מ'קען האָבן שפּעטער צרות, חולאתן.

און אַז זי איז מיד געוואָרן אַרומצוטאַפּן גאָלדען, האָט זי זיך אָנגעשטויסן מיטן מאַנס בליק, וועלכער האָט געהאַט צוזאָגן: —

אַ סוף אַן עק! לאָמיר גיין!

אָבער געגאַנגען איז מען נישט.

איצט האָט הענעך אַ זאָג געטאָן:

— נו, זאָלן די קינדער אַרײַנגיין אין שטוב אַרײַן, זיך דורכשמועסן אַ ביסל.

געהייסן האָט עס:

אשר מיט גאָלדען זאָלן אַרײַנגיין אין אַ באַזונדער צימער, פאַרענדיקן דאָרט די „זעאונג".

צי הענעך האָט מסכים געווען נעמען אשרן פאַר אַן אײדעם? אוודאי האָט ער מסכים געווען. אויך זײַנע מקורבים, וועלכע ער האָט געבערענגט פאַר מבינים, האָבן דאָס אייגענע געטראַכט און געזאָגט אויף אַ קול:

— אַ בחור, אַ למדן, אַ ירא שמים, אַ יודע ספר.

נאָר וואָס דען?

דער סטאָלער האָט זיך געאײַלט אַהיים.

— וואַרטיץ־צו אַ ווײַלע, מחותן, מ'וועט אפּשמועסן און שוין.

— וואָס איז דען שוין דאָ צו שמועסן? — האָט ער זיך

קענגנגעשטעלט — מען דאַרף דאָך פריער הערן, וואָס זיי וועלן זאָגן.

— ווער, זיי? — האָט הענעך ניט פאַרשטאַנען.

— נו, זיי, חתן־כלה, מיין איך.

— שטותים! — האָט איינער פון די יידן אַרום טיש צע־טרייסלט די באָרד.

און אַ צווייטער האָט צוגעגעבן:

— ע־טע־טע, מחותן — כל מה דעביד רחמנא...

און די איבריקע האָבן פאַרענדיקט:

— לטב עביד...

איז געבליבן בהסכם כולם, אַז —

דער בורא עולם איז אַ מזווג זווגים...

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער שמועס אַרום טיש. איצט האָט מען גענומען וואַרטן, אַז די קינדער זאָלן אַרויסקומען פונם באַזונדערן צימער.

פאַרשידענע צימערן זיינען דאָ אויף דער וועלט און פאַר־שידן זען זיי אויס, די צימערן, ביי די מענטשן. וואָס באַווינען זיי. איטלעכער באַמיט זיך צוצופאַסן דאָס מעבל צו זיין געשמאַק, דעם רוים צו זיין מנוחה.

גאָר אַנדערש האָט דאָס דאָזיקע פאַרשטאַנען זי, גאָלדע. זינט די מאַמע, אָפגעשיידט זאָל זי זיין, איז אַוועק פון דער דאָזיקער שטוב, טרייבט עס איר פונדאַנען. האָט זי ניט קיין מנוחה. די צוויי שווערע, דעמבענע בעטן, פונוועלכע איינס איז פאַרבעט שוין איבער אַ יאָר צען, לאָזן איר ניט צורו. וויפל איז דער שיעור, וויפל?

דאָס דאָזיקע זאָגט זי איצט אשרן:

— אין דעם בעט איז געשלאָפן די מאַמע, עליה השלום און אין דעם שלאָף איך. דאָס גאַנצע צימער געהער צו מיר, יאָ, מיינס, אַ ירושה פון דער מאַמען, עליה השלום.

— און ווו שלאָפט דער טאַטע? — וויל אשר וויסן.

— דער טאַטע איז ביים רבן, איז ער.

— אַן אָרנטלעכער ייד.

— יאָ. אַן ערלעכער ייד.

אַ הפסקה.

אשר קוקט צו דער טיר. גאָלדע — צום פענסטער.

דערנאָך זאָגט זי:

— ס'איז אַזוי ניט גוט צו זיין איינע אַליין אין אַזא גרויס צימער...

— יאָ — טוט אשר אַ זיפץ — איך האָב הנאה צו זיין אַליין אין אַ גרויס צימער, ס'איז גוט צו התבודדות...

— צו וואָס? — איז גאָלדע טשעקאַווע צוזוויסן.

אשר ענטפערט ניט.

ער ענטפערט ניט דערפאַר, ווייל ער האָלט אָנגע־שטרענגט זיין געהער צום צווייטן צימער. דאָרט טענהט העגעך מיט זיינע מקורבים, אַלע מיטאַמאָל, מכח אַ יידיש מיידל, איינע אין גאַס, אַ כשרע טאָכטער, אַ יידישע טאָכטער — און דאָס איז זי, גאָלדע.

און דער סטאָלער שושקעט זיך אין אַ ווינקל מיט זיין ווייב:

— וואָלט ער געגעבן צוויי הונדערט דאָלאַר מזומנים, פאַרשטייסט.

— עפעס האָט זי אַ ביסל אַ הויכע פלייצע. דאַכט זיך — הערט ניט די סטאָלערקע דעם מאַנס ווערטער.

— און אַ ביסל צו אַלט־געבאַקן אויך — גיט צו דער סטאָלער.

און שוין.

אשר רוקט האַסטיק אָפּ ס'בענקל אונטער זיך, טוט אַ זאָג, סתם אַזוי, אין חלל אַריין —

אַ גוטע וואָך!

און בלייבט שטיין אַ פאַרשוויצטער נעבן טאַטע־מאַמע.

— נו? — פרעגט אים די מאַמע.

— נו? — וויל וויסן דער טאַטע.

אשר לויפט צו צום פענסטער, זעט אויפן הימל די לבנה, דערמאָנט ער זיך —

נאָך היינט ניט מחדש־לבֿנה געווען.
אויך זי. גאָלדע. קוקט אין איר צימער, דורכן פענסטער, אויף דער לבֿנה, רעדט צו איר: —
וויפל איז דער שיעור, האַ? ווי לאַנג איז דער שיעור?
דערויף קען ער, אשר, ניט ענטפערן: מ׳האָט אים גערופן מאַכן אַ „זעעכץ”, האָט ער געפּטרט דעם רבינס אַ מלוה־מלכה, איז ער געקומען. איצט הערט ער, ווי דער טאַטע זאָגט — „זי איז אַלט־געבאַקן” און די מאַמע — „זי האָט אַ הויקער, דאַכט זיך”. מילא. האָט ער דאָך נאָך נעכטן געזאָגט, אַז אַלץ. וואָס די מאַמע וועט זאָגן, וועט זיין גוט...
דאָס דאָזיקע חזרט ער אויך איצט איבער אינדערהיים, נאָר גיט־צו:
— עפּעס דאַכט זיך מיר, מאַמע, האָב איך געזען אויף איר פּנים אַזעלכע צוויי הויכע ביינער...
— דאָס נעמט זיך פון אַלטקייט — ענטפערט דער טאַטע.
און שפּייט־אויס אַן אומצופרידענער אינמיטן פונם דיל.
און די מאַמע זיפצט אין אַ ווינקל:
אוי, רבונו של עולם, ווי דערלעבט מען שוין...

וואַרשע, 1938.

וועלטשע

אין לאַנגע, געלע זומערדיקע בין־השמשותן זיצן ווייבער פאַנאַנדערגעשפּרייט אויף געסלדיקע קראָם־בריקלעך, גענעצן מיט פאַנאַנדערגעעפנטע ברייטע מײַלער, ווישנדיק דעם ברודיקן שוויס פון די פנימער מיט פעט־גלאַנציקע פאַרטעכער.

אוף! ס׳היס!

און אַז די קראָם־בריקלעך זײַנען שוין באַזעצט שפּאַרן־אָן צעקנייטשטע ווייבער זייערע גופים אויפן געסלדיקן טראָטואַר, לאָזן־אַראָפּ מידע פּיס אין טיפן רינשטאָק, שמועסנדיק, אַלע צוזאַמען, מכח פאַרגאַנגענע טעג און נעכט.

— הערן זי, שכנטע קרוין — בייגט־צו איין יידענע איר צעשויבערט שייטל צו דער צווייטערס צעפּאַרעטן פּנים — הערן זי, וואָס עס איז געשען!

— וואָסי, וואָס אַזעלכעס? — וויל די שכנטע וויסן.

— זי ווייסן גאָרניט? מ׳האָט זי דאָך אַוועקגעפירט!

— וועמען?

— וועלטשעלען! וועלטשעלע נאפּקע.

— אוי! — זיפצן־אָפּביידע ווייבער אינאיינעם — מיר האָבן אַ גרויסן גאָט.

טאַקע אין דעם דאָזיקן אָוונט, ווען די נאַכט האָט אָפּגעריניקט ס׳געסל פונם בין־השמשות, זײַנען די שכנטעס אַריין צו זיך אין הייפל, אין די שטיבער, אויסגעליידיקט דאָרט די בעטן,

אַרויסגעטראָגן אויפֿן הויף ברודיקע זעק מיט פּעדערן, מיט שטרוי, זיי פֿאַנאַנדערגעלייגט אויף די הויף־שטיינער און — אַוועקגע־וואָרפֿן זייערע מידע גופים אויף זיי.

אין ס׳רוב פֿון אַזעלכע נעכט האָט געפֿלעגט טרעפֿן:

איבערן אויר פֿון הייפל האָט זיך שוין געהאַט פֿאַנאַנדער־געטראָגן דער שנאָרכנדיקער כאָר, פֿון שלאָפֿנדיקע שכנים, אַז ברוגזע קעץ האָבן זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אינדערהייך, אויפֿן דעק פֿונם מיסטקאַסטן און, מיט קריגערישע קולות, זיך אַריינגעריסן אינם געזאַנג פֿון זייערע באַלעבאַטים. האָבן דאַן פֿאַרשלאָפֿענע ווייבער אויפֿגעריסן זייערע קלעפּיקע אויגן, זיך פֿאַנאַנדערגעזעצט אויף הויכע קופּעס בעטגעוואַנט, זיך פֿאַנאַנדערגעשריגן:

— אַששאָאאַ! אקקאָטאַאאַ!

און ווידער אַוועקגעוואָרפֿן די קעפּ אויף ברודיקע, צע־פּלאַצטע קישנס.

אין פֿאַרטאָגן, נאָך אַזעלכע נעכט, ווען דער הויף־קערער האָט מיט זיין לאַנגן בעזעם גענומען אַרויסדראַפּען דאָס שטרוי פֿון צווישן די שטיינער אַרום דעם מיסט־קאַסטן, האָבן צעשווי־בערטע ווייבער געשמועסט צווישן זיך, אָט אַזוי:

— מילא, די קעץ, שכנטע, אַז זיי לאָזן ניט שלאָפֿן, פֿאַר־טרייבט מען זיי און שוין.

— אָבער אַז וועלטשעלע, ס׳מרשעת, געפֿינט זיך אויפֿן הויף, איז שוין אַן עק צום שלאָף, שכנטע קרוין.

און ווייבער האָבן געהאַט רעכט:

וועלטשע — אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט שווייסיקע, פֿאַרמעל־טע באַקן, גלאַנציקע, געל־געפֿאַרבטע האָר, האָט געפֿלעגט לויפֿן הין־און צוריק גאַנצע נעכט איבערן הויף, געלאָפֿן אַ לאַכנדיקע, טרעטנדיק אויף אויסגעצויגענע, ביינערדיקע פֿיס פֿון שלאָפֿנדיקע הייפל־איינוווינער, שרייענדיק מיט אַ קווישענדיק קול:

— זעטץ־נאָר, זעטץ־נאָר: אַ פּזשיטולעק האָבן זיי דאָ געמאַכט!

האָט אַמאָל געטראָפֿן, אין איינער פֿון אַזעלכע נעכט:

אַ „חסדל“, נאָך אַרומפֿאָרן דעם לאַנגן, הייסן זומערדיקן טאָג איבערן געסל מיט זיין וועגעלע מאַנדרינקעס, האָט, אין

שפּעטן אָוונט, אַוועקגעוואָרפן זיין ביינער־בינטל נעבן טויער, איינגעשלאָפן מיט חלומות פונם אָנקומענדיקן, מזלדיקן טאָג — אַז וועלטשע האָט פאַרטשעפּעט אירע הויכע אָבצאַסן ביי זיינע איינגעדרייטע קני. האָט דאַן דאָס הייפל זיך אויפגעריסן אין ווייסער אונטער־הלבשה, זיך אַוועקגעלאָזט צום טויער, איבערגע־שראָקענע פון די קולות. וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דאָרט.

— טריפהנע אָדער! — האָט מען דאַן געשריגן.

— מרשעעת!

און דאָס „חסדל" האָט געפּלאָנטערט די ביינדלעך פון זיינע פינגער אין דער שוואַרצער נאַכט, געטאַפּט מיט זיי די צעפליקטע באַקן פון דער קוויטשענדיקער וועלטשע.

און ווייבער. מיט פאַרדאַרטע צווייגן פונם הויף־קערערס בעזעמער, האָבן געשטאָכן דעם „חושך, געטרעטן איינע דער צווייטער אויף נאַקעטע פיס.

— אויסוווּרף!

— ממזרת!

— אַן אויספּליקעניש אויף דיר!

טאַקע צומאָרגנס, נאָך דער דאָזיקער נאַכט, האָט מען וועלטשען אַוועקגעפירט פון געסל.

איז געוואָרן רואיק אויפן הייפל.

און פּלוצלינג:

וועלטשע איז ווידער דאָ.

און פאַרבייגעגאַנגען איז זי דאָס מאָל ס'הייפל מיט קרומע, אויסגעדרייטע טריט, מיט פאַרטריקנטע, צעפּלאַצטע ליפּן און אויגן טיף־פאַרשטעקטע אונטער די ווייעס, ווי קיין אויגן וואָלט דאָרט ניט געווען. נאָר בלויז לעכער.

האָבן דאַן ווייבער אַרויסגעשטעקט פאַרפּעדערטע קעפּ דורך צעפּראַלטע פענסטער, געגאַנגען צו־גאַסט איינע צו דער צווייטער:

— וואָס זאָגן זי, שכנטע קרוין, האַ?

— אַז עס קומט אויף איר גאָרניט קיין אויסכאַפּעניש ניט...

און אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן אויפן הייפל. האָבן הויף־באַלעבאָסטעס ווי יעדן פאַרנעם אָוונט, זיך פאַנאַנדערגעלייגט אַרום מיסט־קאַסטן, זיך פאַנאַנדערגעפייפט מיט פאַרטריקנטע גאָרגלען, נאָכן הייסן, שווייסיקן טאָג.

אָבער וועלטשע איז ניט געשלאָפן די דאָזיקע נאַכט. זי האָט געטראַכט. וועגן יענעם „חסדל". וואָס האָט מיט זיינע ברודיקע נעגל אָפּגעווישט די פאַרב פון אירע באַקן; וועגן די ווייבער, וואָס האָבן גערדראַפּעט איבער אירע אויגן מיט דעם סטרוזשס בעזעם. אַ לאַנגע צייט האָט זי געווייקט אירע צע־פלאָשעטע האָר אין אַ שיסל וואַסער מיט נאַפט. געווייקט און זיך צוגעהערט צום שנאָרכן וואָס הייבט זיך פון שלאָפנדיקע הויף־שכנים — דער ערשטער געשמאַקער שלאָף אונטער אַ לופּ־טיקן הימל, געשמאַק דערפאַר. ווייל די פליי זיינען פאַרבליבן אין שטוב. די וואַנצן — פאַרשטעקט אין די אויסגעליידיקטע בעטן־שפּאַרעס.

ווי יעדע נאַכט. אויך היינט. איידער די שכנים האָבן פאַרנומען זייערע פלעצער אויפן הויף, האָט יעדער באַזונדער געקוקט אויפן הימל: ניין, קיין רעגן וועט זיכער ניט זיין, אַזאַ בלישטשענדיקע נאַכט. אַזויפיל שטערן.

דעריבער טאַקע איז ביי אַלעמען גרויס געווען דאָס וווּנ־דער, ווען פלוצלינג, האָט אַ גאָס געטאָן אויף זייערע אָפּגע־דעקטע צעפּאַרעטע לייבער אַ האַסטיקער רעגן. האַ. וואָס איז דאָס? האָט דער הימל אָפּגענאַרט די הויף־באַלעבאַטים?

האָבן דאַן איבערגעשראָקענע קעץ זיך אַ לאָז געטאָן איבער שלאָפנדיקע קינדער. זיך באַהאַלטן אין הויף־קעלערס. און פאַר־געצטע ווייבער האָבן געשלעפּט שטרוי־זעק איבער די הויף־שטיינער. געאיילט מיט זיי אין די פאַרוואַנצטע שטיבער.

און הויך. אויפן פערטן שטאָק. נעבן פענסטער, איז געשטאַנען וועלטשע מיט אַן אויסגעליידיקטער שיסל אין די הענט, געלאַכט מיט אַ צעקרומט מויל.

— אוי, געפגרטע קעץ, וואָס איטץ זענט — האָט זי גע־הילכט איבערן אפגעליידיקטן, פינצטערן הויף־חלל — שלאָפן וועט איטץ שוין ביי מיר היינט מיט די וואַנצן, וועט איטץ שוין שלאָפן. כאַ־כאַ־כאַ!

און ווייבער האָבן געטולעט צו זיך ווייגענדיקע קינדער, זיך איינגעהערט צום געיאָמער פון רימשענדיקע קעץ. שעלטנדיק וועלטשען אין דער חשכות אַריין:

— אַז אַן אויספליקעניש אויף דיר, וועלטשעלע מרשעת!..

וואַרשע, 1937.

פּאַלמאַ

אין גאַנצן געסל האָט קיינער ניט געוווּסט די געשיכטע, ווי אַזוי זי איז אָנגעקומען דאָ אַהער, חוץ זי אַליין, פּאַלמאַ. —

אַ ברוינע, לאַנג־האָריקע פעל, באַוואָרפן מיט ווייס־געלע פלעקן, לאַנגע פאַרדאַרטע צוויטן, וועלכע האָבן זיך געבאָמבלט אַרום איר שמאָלן גוף — אָט אַזעלכע האָט זי געמאַכט אירע אָוונט־שפּאַצירן איבערן געסל נאָך אַ לאַנגן, שלעפּעריקן טאָג. בשעת־מעשה האָבן איר נאָכגעקוקט געסל־איינוווינער, באַוווּנדערט אירע גלייכע טריט, צעפּליקטן, ערטערווייז, גלאַנציקן מלבוש, וועלכער האָט זי געהאַלטן פאַרוויקלט פון קאָפּ ביז פיס. מען האָט איר אָפּגעטרעטן דעם וועג, ווייבער האָבן זיך פאַרוקט אין טויער־ווינקלען, זיך צעשריגן איבערן געסל־חלל מיט הילכיקע קולות:

— שרעקליך! אסתרקע! פּאַלמאַ גייט!

איז דאַן דאָס געסל געוואָרן פאַרשטומט פון קינדערשע געשרייען וועלכע זיינען געבליבן פאַרשטעקט אין קינדערשע העלזלעך.

שאַ! זעסט דען ניט: פּאַלמאַ!

דער דרך־ארץ פון געסל־איינוווינער צו פּאַלמאַס באַוויזן זיך, ציט זיך נאָך פון יענעם טאָג אָן, ווען האַנס דער קצב,

האָט אָנגעפילט דעם אויר מיטן קיצלדיקן ריח פון פרישן חזיר־פלייש.

כּאָטש דאַן, ווען דער קצב איז געשטאַנען אין יאַטקע אָנגעטאָן אין ווייסן פאַרטעך און פּאַלמאַ אויף דער שוועל מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, פאַרשנדיקע בליקן — כאָטש דעמלט האָבן ווייבער זיך פאַרבייגעזייטלט דורך דעם בריקל, כּדי ניט צו באַליידיקן איר כּבוד, - איצט אָבער איז דאָס ניט מער. ווי אַן איבערבלייבעניש, פאַרגאַנגענהייט. דער איצטיקער דרך־ארץ נעמט זיך מער פון מורא, ווי כּבוד.

ווארום אַז אַך און ווי צו וואָסער מדריגה זי איז דער־גאַנגען פּאַלמאַ: אויגן פול מיט רציחה. אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אונטערגעהויבענעם בויך, וועלכער דערגרייכט ביז צום שמאָלן, לאַנגן האַלז. און דאָס פּעלעכל. וואָס זי טראָגט אויף זיך! אַמאָל כּאָטש איז עס געווען פאַרגלעט פאַרלאַטעט, געלעגן פאַרוויקלט אַרום איר קיילעכיקן רוקן, אויסגעפילט אַלע ווינקעלעך, גריבע־לעך, ווי ספּעציעל אַרומגעקלעפּט פון אַ קינסטלערישער האַנט.

האָט דאָס דאָזיקע געצויגן דרך־ארץ צו זיך.

און איצט — אויב כאַפּט זי זיך אַריין ערגעץ אין אַ הויף, אַ זוך טאָן עפּעס איבערצוקייען. עפנט זיך אַ פענסטער און אַ שיסל מיט הייסער פאָמעיעס טוט אַ ברען איבער איר פעל.

דאָך — וועט פּאַלמאַ ניט פאַרלאָזן ס׳געסל. אַ צו הייליקער אָנדענק איז איינגעקריצט אין איר זכרון, אַז זי זאָל לאָזן פאַרשוועכן דעם כּבוד פון איר פריינט, האַנס דעם קצב.

און פאָרגעקומען איז אַמאָל. אָט אַזוי:

אין אַ שבת אינדערפרי האָט האַנס געעפנט זיין יאַטקע ס׳ערשטע מאָל אין געסל און אינם זעלביקן פאַרנאַכט פאַרבעטן צו זיך געסט כּדי „צו פאַרגינען זיין מזל”.

איז זי דעמלט צוגעקומען צו דער צעעפנטער קראָם, אַוועק־געשטעלט איינעם פון אירע פיס אויף דער שוועל.

זי האָט נאָך דאַן בכלל ניט געהאַט קיין נאָמען, גלייך זי וואָלט ניט געווען קיין לעבעדיק באַשעפעניש. אַ פאַרדאַרטע, אַ קליינע. האָט זי אַרומגעבלאָנקעט איבערן געסל אויפגעהויבן

ערגעץ־ווּ׃ אַ ברויט־קרישקע. אַ שטיקל אויסגעשפּיגענע שאָל פון מאָגערן קעלבאַס. און דאָס אַלץ. קיין רחמנות איז ניט געווען אין געסל. מ׳האָט זי געקאָפּעט, געזידלט. אַלץ דערפאַר. וואָס זי איז געווען קליין. יונג, אומבאַהאָלפן. וואָלט זי כאָטש געהאַט אויף וואָס צו קוקן אין געסל, הנאה צוהאבן פונדערווייטנס — זיינען ווי צולהכעים כמעט אַלע קראָמען געווען אויסגעפילט מיט זייף. פּאָקאָסט. נאַפט און געלאָשענער קאַלך. אַלץ אַזעלכע ריחות, וואָס איר נאָז האָט ניט געקענט פאַרליידן.

האָט זי אָט אַזוי, אין יענעם שבתדיקן פרימאָרגן, געמאַכט אירע ערשטע טריט איבערן געסל נאָכן ביינאַכטיקן שלאָף ערגעץ אין אַ הויף־קעלער און געבליבן שטיין, דערפילנדיק אַ שאַרפן קיצל אין די פייכטע נאָז־לעכער. מיט וואָס שמעקט דער דאָזיקער ריח? — האָט זי דאַן גענומען אויספאָרשן דעם מקור פון די דאָזיקע איידעלע ריחות. אודאי שמעקט דאָס אַנדערש. ווי טערפּענטין. אָדער בענזין. פונוואַנען־זשע האָבן זיי זיך גענומען דאָ אַהער? ניט אַנדערש, נאָר זי האָט פאַרבלאָנזשעט. פאַרקראָכן ערגעץ. אָט. באַלד, וועט זי דערפילן עטלעכע ריס איבער איר פאַרטריקנטער פעל. אָבער ניין. זי דערקענט די לאָדנס, די אויפשריפטן איבער די קראָמען. אָט, זעט זי דאָך די צוויי צלמלעך אויף די טירן פונם אַפּטייק־סקלאַד. זי געפינט זיך אינדערהיים. נאָר וואָס דען. זיכער איז עפּעס פאָרגעקומען נייס אין געסל. און גלייך טוט איר עפּעס אַ הייב פון אָרט, אַ טראָג אינדערלופטן. זי האָט דערזען אַזעלכעס, מכח וועלכן זי האָט ביז איצט נאָר געקענט חלומען: פון אַ רויטן וואָגן טראָגט מען אַראָפּ ווייסע שטיקער פעטס ברוינע קישקעס און טעפּ אָנגעפילטע מיט שמאַלץ. אָט, פונוואַנען עס נעמען זיך די ריחות!

האָט זי זיך דאַן געדרייט אַ גאַנצן טאָג אַרום דער יאַטקע און ניט געהאַט קיין אַריינטריט. אָדער מ׳האָט אַריינגעטראָגן פלייש, אָדער אַרויס. און ביי אַזאַ שטופּעניש קען מען דערלאַנגען מיט אַ שפּיץ פון אַ שטיוול איבער די זייטן. ערשט, פאַרנאַכט איז געוואָרן רואיקער אַרום דער יאַטקע. האָט זי שוין מער ניט געהאַט אין זיך די כחות, וועלכע זאָלן זיין ביכולת איינצו־

האַלטן אירע צעעפּנטע נאָז־לעכער, כדי אַריינצוציען אין זיך די פּעטע ריחות.

איז זי שטיין געבליבן מיט איין פוס אויף דער שוועל, געשטאַנען געשמעקט, געדרייט מיט דער נאָז, ליפּן, געוואָרפן מיט דער צונג: —

איי, ס'אי גוט...

פונקט דעמלט האָט האַנס געהאַלטן ביים פאַרענדיקן טרינקען ס'דריטע גלאָז.

— היי, דו — האָט ער זיך צעשמייכלט צו זיינע מיטרינ־קער, וואַרפנדיק זיינע קליינע אויגן צו דער טיר — קום נאָר אַהער פיצעלעס, שיינינקעס, כאַ־כאַ־כא!

טאַקע דעמלט האָט זי ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן פאַרזוכט דעם טעם פון אַ שטיק חזיר־פעטס. און טאַקע דעמלט האָט זי געשלאָסן איר אייביקע פריינטשאַפט מיט איר רעטער, וועלכער האָט זי איצט געהאַלטן אויף די ווייכע קני, געגלעט איר צעפליקטע פעל.

— ווי רופט מען דיך, האַ? — האָט דער קצב געוואָלט וויסן.

טאַקע יענעם שבתדיקן אָוונט האָט זי באַקומען איר איצ־טיקן נאָמען — פאַלמאַ.

ער אַליין, האַנס, איז געווען קיילעכיק און גלאַטיק. אין געסל האָט מען געזאָגט, אַז זיין קאַרק איז געמאַכט געוואָרן פון אַ יונג חזירל. מען האָט נאָר ניט פאַרשטאַנען, מיט וואָס ער קוקט. אַז קיין אויגן האָט ער בכלל ניט, נאָר צוויי עפּעס אַזעלכע שפּעלטעלעך, וואָס צייכנען זיך אַרויס פון אַ קופּע חזיר־פלייש. און מער גאָרניט.

אָבער דערמיט האָט זיך פאַלמאַ ניט מצער געווען. פאַר־קערט, וואָס־ווייטער, אַלץ איז זי געוואָרן גלאַטער. דער האַלז האָט זיך אָנגעגאָסן מיט שמאַלץ, געוואָרן האַלב־קיילעכיק, אויסגעפּיגט. גאַנצע טעג איז זי געשטאַנען אויף דער שוועל פון יאַטקע, געוואַרט אויף אַ ווונק פון איר באַלעבאָס, בלויז אויף

אַ פּאַטש פון זיינע ליפּן — און גרייט געווען איינצובייסן די שטיינער אין געסל.

און אין די אָוונטן זיינען זיי געגאַנגען ביידע שפּאַצירן.

— פּאַ־אַ־אַ! — האָט האַנס אַ רוף געטאָן.

און ביידע, ער און זי, האָבן שפּאַצירט איבערן געסל־ברוק — ביידע פולע, ווייכע, מיט גלייכע געלאַסענע טריט.

האָט דאָס דאָזיקע אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג אין געסל, ביז איינמאָל איז געשען, אָט וואָס:

אין אַ זונטיקדיקן נאָכמיטאָג איז האַנס אַוועק צוגאַסט. אויך זי, פּאַלמאַ, איז מיטגעגאַנגען. אויפן וועג, ווי דער שטייגער, האָט דער קצב אָפּגעטרעטן ביי פריינט, פאַרביסן און ווייטער אַוועק. זיי האָבן זיך דאַן געדרייט צווישן גאַסן און געסלעך. האַנס, ווייזט־אויס, האָט שוין געהאַט אויסגעטרינקען איבער דער מאָס. איז ער געגאַנגען איבער דער ברייט פונם טראָטואַר, אַראָפּגעטריבן די שפּאַצירער, אַרויסגעוואָרפן אַ קינד פון אַ וועגעלע, ביז — מ׳האָט אים ערגעץ אַוועקגעפירט.

און פּאַלמאַ האָט דאַן גלייך פאַרלוירן דעם שפּור פון איר פריינט.

פון דעמלט־אָן האָט זי זיך שוין באַקאַנט מיט אַנדערע פריינט, וועלכע האָבן פאַרנומען דעם קצבס שטוב. מיט זיי איז עס אָבער פאַרבייגייענדיק: אַ לעק מיט דער צונג איבער דער האַנט און שוין.

וואָרום, סאַראַ פאַרגעניגן, אַ שטייגער, קען זי האָבן פון דעם קוילן־סקלאַד, וואָס מ׳האָט געמאַכט פון האַנס יאַטקע; אָדער, דערנאָך, פון די קאַסטנס מיט אייזנס, טשוועקעס, וואָס האָבן אויסגעפילט דער גאַנצער קראָם? אַפילו נים געזוען ווו זיך אַוועקצוזעצן. אָנצושפּאַרן דעם אויסגעמאַטערטן קערפּער.

אמת, איצט, האָט זיך איר לאַגע אַביסל פאַרבעסערט. מען האָט אָנגעפילט די יאַטקע מיט זעגעכץ.

ליגט זי, טאַקע, גאַנצע טעג אויף דער הויכער, ווייכער קופּע. ליגט און דרעמלט. און עסן וויל זי, סכנות.

שפּאַנט זי אַרוים יעדן אָוונט אויפן גאַסל-ברוק, שפּאַנט מיט זוייכע טריט. מיט אַן אויפגעהויבענעם עק, מיט גרויסע, אויפגעשטעלטע אויערן, וואָס דאָס אַלץ האָט צו דערציילן:

געווען אַמאָל אַ פריינט, האַנס דער קצב — געווען ווייסע שמיקער חזיר-פעטס...

און איצט.

פּאַלמאַ פינקלט מיט גרינע. הונגעריקע אויגן אויף יעדן גאַסל-איינוווינער, גרייט זיך אַ וואָרף צו טאָן. נקמה צו נעמען פאַר איר פאַ־שטערטער מנוחה, פאַר איר איצטיקן הינטישן לעבן.

זי שפּאַנט צום עק פונם גאַסל און גלייך צוריק. זי וועט נים פאַרלאָזן דעם פלאַץ פון איר געוועזענעם פריינט. די געוועזענע יאַטקע פון האַנס דעם קצב.

וראָצלאַוו, אויגוסט 1943.

מיטן עשאַלאָן

1. דער ליטעראַרישער וואַגאָן

דער לאָקאָמאָטיוו שלעפּט, רציחהדיק, נאָך זיך די וואַגאָנעס, שליידערט זיינע פּאַסאַזשירן איינעם אויפן צווייטן, באַכלאַפּעינדיק זיי מיט מילך, סמעטענע, וואָס שפּרינגט אַרויס פון טעפּ, שיסלען, אויפן טאַנצנדיקן טיש. אַ פריילעכע, טאַנצנדיקע קייט וויקלט זיך איבער טויזנטער קילאָמעטער, פאַרטרייבט בהמות פון פּאַשע, שפּריצט מיט סאַדזע איבער ווייסער הלבשה פון שטייפּע. שלאַנקע וואַלד־סאָסנעס.

אינם לאַנגן עשאַלאָן, וואָס ציט זיין וועג פון מזרח אויף מערב, זיינען פאַרפלאָכטן צוויי וואַגאָנעס, צוגעטולעטע איינער צום צווייטן — שכנים, ניט פאַנאַנדערצושיידן. בלויז אין די שפּעטע אָוונטן, ווען די זון זעגנט די וועלדער, ווינטשן זיך אַ גוטע נאַכט די צוויי שכנותדיקע וואַגאָנעס. ווען מען אײַנוויינער פאַרברענגען דעם גרילצנדיקן טאָג ביי פריינט אויף די נאַרעס. מען גייט זיך פאַנאַנדער. איטלעכער אין זיין וואַגאָן. אויף זיין פּעקל קאָלדרעס, וועלכע ווערן פאַנאַנדערגעלייגט איבערן דיל, אויף דער נאַרע. אַ געלעגער.

דעם ערשטן וואַגאָן רופט מען אין עשאַלאָן — דער ליטעראַרישער; דעם צווייטן — דער אַרטיסטישער.

גיין זיי צוגאַסט, די אַרטיסטן צו די ליטעראַטן, שטופּן

דורך דעם טאָג מיט רכילות. וויצן, וועגן פאַרגאַנגענע טעג און נעכט.

זיצט איינגענורעט אין אַ ווינקל, אינם ליטעראַרישן וואַגאָן, דער הויכער, האַלב־גראָער אַרטיסט פריז, אַ צעקנייטשטער. אַ פאַראומערטער, מאַכנדיק גרימאַסעס מיט די איינגעפאַלענע באַקן פון זיין צעקנאָדערט פּנים, קוקנדיק אַרויף צו דער אויבערשטער נאָרע, צו זיין באַגלייטערין. דער אַרטיסטין גיז, וועלכע זינגט הייזעריק אַ ליד, מכה ראָזשינקעס און מאַנדלען. דערנעבן טרייסלט זיינע נאַקעטע פיס דער קורצזיכטיקער דיכטער טורעק, שמייכלענדיק מיט הנאה, איינהערנדיק זיך צו די ווערטער, פון זיין נאָר־וואָס געשאַפן לידל, וואָס עס זינגט־אויס זיין שכנותדיקע אַרטיסטין.

— פריז און גיז —

אַ פריילעך פּאָרל פונם וואַרשעווער טעאַטער, ווו זיי האָבן אויסגעשפּרונגען, צוזאַמען מיטן געלן אַרטיסט ליפּ. חסידישע טענץ פון די טויטע חסידים. דערנאָך — פאַרפאַקט זייערע קאָסטיומען אין ברייטע זעק און, מיט זיי, זיך אַוועקגעלאָזט איבערן ווייטן אַזיע. ווו זיי האָבן געטאַנצט לעבעדיקע טענץ פאַר טאַדזשיקישע יידן.

איצט שפּרינגען זיי אין וואַגאָן נאָכן קלאַפּן פון די רעדער. שטייגן־אויס ביי יעדער גרעסער סטאַציע־ביידל. רופן צונויף דעם עולם פונם עשאַלאָן, — און געבן טעאַטער אָן דעקאָראַציעס.

— כ'וואָלט זיי געגעבן לעבעדיקע דעקאָראַציעס — זאָגט דער אַרטיסט פריז — מיר פירן מיט לאָנקעס. סאָסנעס און אַ הימל אַ בלאָען. ווי די אויגן ביי מיין גיז — זיינען זיי דאָך אָבער ניט קיין מבינים אויף אָריגינעלס... אַ פאָלק, וואָס עסט שעטשקע... טפו!

— איך אָבער זע — פאַרקנייטשט די קישעלעך אונטער זיינע אויגן דער שרייבער פינצטער, זיצנדיק אָנגעשפּאַרט נעבן אַרטיסט פריז — איך זע. אַז אונדזער „עמד” אינם עשאַלאָן עסט דווקא ברויט מיט סמעטענע און דווקא ווייס ברויט...

— דערלאַנג אַ טרונק בראָנפן, וועל איך דיר דערציילן אַ שיינע מעשה — טוט זיך פריז אַן אַרטיסטישן דריי אויפן זאַק מיט שמאַטעס.

איז דאָס דאָזיקע געגוג. אַז פינצטער זאָל פאַנאַנדערבונדן ערגעץ אַ זעקעלע, זאָל אַרויסשלעפן פון דאָרט ערגעץ אַ פלעשעלע...

וואָרום, דער שרייבער פינצטער — אַ קליינער, מיט קורצע פיס, מיט אַ גרויסן קאָפּ — האָט פיינט די ווייבער ביי זיך אין וואַגאָן, אויך די מענער זייערע — סכנות: אַז גאַנצע טעג, נאָר מען עסט. נאָר די הענט זיינען איינגעטונקען אין סמעטענע. די בעק — גלאַנצן מיט חזיר־פעטס! אַז מען לאָזט ניט דורך אַ בופעט ביי די וואָקזאַלן; אַז מען קויפט דאָרט אוים אַלע פעטיקייטן; פּע!..

איז דעריבער טאַקע, כדי ניט צו פאַרבלייבן, אויף די סטאַנציעס, איינער אַליין אין וואַגאָן, שפּרינגט ער אויך, פינצטער, איבער די רעלסן, לויפט אויך אין די בופעטן. און אַ צולהכעיס טוט ער אָפּ זיין פּרעסנדיקן וואַגאָן: ער קויפט דוקא טרינקענ־דיקס און דוקא — בראָנפן.

— אויפן וועג דאַרף מען זיין געהיט — גיט ער צופאַר־שטיין דעם אַרטיסט פריז — פון אַ האַרטן שלונג קען עפּעס בלייבן שטעקן אין מאָגן...

— אָבער פון אַ ווייכן טרונק — טרייסלט דער אַרטיסט מיט זיינע באַקן־קישעלעך — איז מיין טאַטע. צו זיינע ניינציק יאָר, געווען מילד און יונג...

און מער זאָגט ער גאָרניט.

איצט זיינען זיינע מחשבות איינגעטונקען אינם פלעשעלע, וואָס גלאַנצט צווישן די ביינדלעך פון זיין רעכטער האַנט.

— לחיים! — טוט ער אַ כאַפּ אַריין אינם געלן מויל־לאָך ס׳פּיסקעלע פונם פלעשל, צעשמייכלט זיינע גלאַנציקע אויגן אַרויף, צו דער אויבערשטער נאָרע, צו דער אַרטיסטין גיז, וועלכע האַלט פאַרפלאָכטן אירע ביידע נאַקעטע הענט — איינע אַרום דעם האַלז פון דער אַרטיסטין בעט, די צווייטע — אַרום דעם קאַרק פונם דיכטער טורעק.

גיז וויל ענטפערן אויף דעם מאַנס „לחיים”, וויל זיך משמח זיין מיט פּריזס פרייד. אָבער די באַקן אירע זיינען פאַרפולט, דאָס מויל פאַרפּאַקט. נאָר־וואָס האָט זי פאַרענדיקט די רעפּע־טיציע פונם נייעם לידל, טורעקס, וועלכעס זי גרייט אויפצופירן ביי דער נאָנטער סטאַנציע. ווען דער עשאַלאָן וועט בלייבן שטיין. פאַרזוכט זי דערווייל די ראָזשינקעס פון דער אַרטיסטין בעט — גרויסע, שוואַרצע ראָזשינקעס, וועלכע, ווי זי זאָגט, מאַכן שלאַנק דעם קערפּער.

און זי, בעט, זיצט אויף דער נאַרע, די פיס אונטער זיך, דאָס פנים — ווי זי וואָלט נאָר־וואָס אַראָפּגעשלינגען אַ שטיק ציטרינזאַלץ. זי רעדט מיט אַ זויערער מינע, וועגן דעם אַרטיסט ליפּ:

— נאָר קאָקעטקעס גיט אים; נאָר שלאַנקע פיס גיט אים...

— אַוודאי אַזוי — גיט־צו גיז — וועט ער אייך זיין די־רעקטאָר און שטעלן אַ לייכטע אָפּערעטקע...

— שעטשקע. שעטשקע וועט ער געבן דעם פאָלק — הייבט־אויף זיין רויטע נאָז אינדערהייך, דער אַרטיסט פּריז.

— און דעם האָנאָראַר וועט איר באַקומען פון אים: אַ גוטע קרענק! — רופט זיך אָן פון זיין טרייסלענדיקן ווינקל דער שרייבער פינצטער, האַלטנדיק פאַרשטעקט זיין גראָבן נאָז־שפּיץ אינם פיסקל פונם אויסגעליידיקטן פלעשל.

און טורעק. דער מאָדערנער דיכטער, צעטרייסלט זיין צעשויבערטן קאָפּ האָר, צעעפנט ברייט, די קורצזיכטיקע אויגן, אַוועקזעצנדיק זיך אויף דער נאַרע מיט אַ האַסטיקן טראַסק:

— אַרטיסטן זענט איר? שמאַטעס! ליפּ אָן פּריזן איז גע־גליכן צו אַ פּאַראָצטער נאָז אָן אַ פינגער זי אַרומצוווישן! זאָל ליפּ אָקאָרשט פּרוון צונויפשטעלן אַ טרופּע. אַז פּריז זאָל אים ניט געבן דעם סקעטש...

— אודאי, אַזוי איז עס — איז מסכים די אַרטיסטין גיז — אַז „מיינער” האָט אַ לאַנגן האַלז... קויפט אים אָפּ מיט אַ פלעש־שעלע „מאָסקוער”! ברודיקער גאָרגל! — טוט זי זיך פלוצלינג אַ וואָרף צום מאַן — ס'גאַנצע פלעשל האָסטו אויסגעטרינקען, האַ?!

— האָ?! — ענטפערט פריז מיט פאַרשוימטע ליפּן און וואַרפט זיך צוריק אַוועק אויף דעם שנאָרכנדיקן שרייבער פינצטער.

דורך די צעעפנטע וואַגאָן־טירן שלייכט זיך פאַרביי דער אַוועקגייענדיקער בין־השמשות, וועלכער רייניקט־אָפּ דעם פלאַץ פאַר דער אָנקומענדיקער נאַכט. דער לאָקאָמאָטיוו שרעקט איבער, מיט זיינע קולות, די דרעמלענדיקע פייגעלעך אין וואַלד, אויף טעלעפאָן־דראָטן. שטערט די רו פון זיינע מידע פּאַסאַזשירן. וועלכע פאַלן איינער אויף דעם צווייטן, אַוועקלייגנדיק זייערע געלעגערס אויף נאַרעס און פּאָדלאָגע.

2. די בוכאַרקעס

הוידעט זיך אויף דער אויבערשטער נאַרע אינם ליטעראַרישן וואַגאָן, זלפה די בוכאַרקע — אַ קליינע, אַ צעקנייטשטע, אַ שוואַרצע. טאַנצט אויפן באַרג מיט קאָלדרעס, קישנס און קען נים פאַרשטיין —

דורות איבערגעלאָזט אויפן בוכאַרער בית־עולם, אַוועקגעשטעלט די ערשטע טריט פון אַ בוכאַרער ייד אינם טאַדזשיקישן דאָרף:

איז געקומען מאיר, זיין ברודער יוסף — און ביידע האָבן זיי צוגענומען די טעכטער אירע. דינה און דבורה...

„די עקזאָטישע שיינהייטן" — אַזוי רופט מען זיי אין וואַגאָן — שיין, ווי די זון אין אַזיע...

איז אָבער דערמיט נים מסכים דער דיכטער טורעק. וועלכער זאָגט, אַז ער, מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן, קען שטאַרק און טיף דורכדרינגען דעם מענטש:

— די שיינהייט האָבן זיי איבערגעלאָזט אין אַזיע און צו אונדז. אין וואַגאָן אַריין, האָבן זיי מיטגעבראַכט די עקזאָטיק...

גאַנצע טעג ליגט ער אויף זיין נאַרע, דער דיכטער, שאָקלט מיט לאַנגע נאַקעטע פיס, מיטן שמאָלן. איינגעהויקערטן גוף, מרוזשענדיק די אויגן אויף דער קעגנאיבערדיקער נאַרע, צו די „בוכאַרקעס", ווי ער וואָלט וועלן דערמיט זאָגן:

מילא, איך, אַ דיכטער, דאַרף פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ אינם ליטעראַרישן וואַגאָן; אָבער וואָס האָבן זיי זיך פאַנאַנדערגעלייגט איבער דער ברייט און געוואָרן מיינע שכנים? עקזאָטיק!

— משוגענער! — שרייט צו אים אַרויף עטלעכע מאָל איבערן טאָג יוסף, דער יונגערער ברודער, וועלכער איז איבער־געוואקסן פון מאירן מיט אַ קאָפּ און וועמען דער דיכטער האָט באַצייכנט מיט זיין דיכטעריש אויג, ווי אַ לאַנגער, שטייענדיקער הערינג אין אַ פעסל.

און אינדעראמתן האָבן זיי רעכט, דיביידע פוילישע ברי־דער מיט זייערע בוכאַרער ווייבער און שוויגער.

וואָרום, מאיר, דער עלטערער, איז אַ קינסטלער. דעריבער קומט אים אויך אַ בכבודיקן פּלאַץ אינם ליטעראַרישן וואַגאָן. און כדי צו ווייזן זיינע פעאיקייטן, לייגט ער פאַנאַדער אויף די זעק אַ פּאַליטרע מיט פאַרבן, זעצט אַוועק אויף אַ הויך בענקל אַ „מאָדעל" און נעמט שמירן מיט אַ פענזעל אויף אַ טאָוול.

קוקן דאָן די „בוכאַרקעס" מיט שוואַרצע, שמייכלדיקע אויגן אויף דעם צעשמירטן טאָוול, פלעכטן, בשעת־מעשה, די גלאַנציקע פעדעם פון זייערע שוואַרצע, דינע צעפּעלעך, דורכ־וואַרפנדיק זיך מיט זיגערישע בליקן.

— יאַכשי! — זאָגט די עלטערע שוועסטער צו דער יונגערער.

— יאַכשי! — איז מסכים די יונגערע.

און די אַלטע, די מאַמע זייערע, טרייסלט מיט באַשטיוולטע פיס אויף דער אויבערשטער נאַרע, ציט אַריין אין זיך דעם זאַפט פון גרינעם טאַבאַק, וועלכער קיצלט. הנאהדיק, אונטער דער צונג.

— זשאַכשי! — שמייכלט זי מיט די קנייטשן אויף איר לאַנגן, שוואַרצן פנים, מיט די פאַרגרינטע ליפּן, וועלכע מאַכן אין זיך אַ קליינע, פאַרגרינטע עפנונג, ניט וועלנדיק אַרויסלאָזן דעם טאַבאַק פון אונטערן גומען.

בלויז דעם דיכטער געפעלט ניט די מאַלעריי פון מאירן.

— מילא — קנייטשט ער מיט דער הויכער פלייצע, מיט די קורצזיכטיקע אויגן — מילא, אַז אויפן טאָוול איז אָפּגעמאָלן אַ קאָפּ, זעט מען, נאָר כדי צו וויסן, אַז דאָס איז אַ קאָפּ פון אַ מענטש, וואָלט כדאי געווען אונטערצושרייבן דעם נאָמען פונם פאָזירער...

— משוגענער! — שרייט מאיר.

— איך וועל דיר דערציילן אַ מעשה אין פוילן! — היצט זיך יוסף.

און הינטער זיי בײדע שטיין די דריי בוכאַרקעס, פינקלען מיט זייערע אויגן, קנייטשן די פינגער אויף אַראָפּגעלאָזטע הענט.

בלויז ער, דער וואַגאָן. ער האָט ניט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיטן טומל, וואָס אין זיינע אינגעווייידן. ער איילט זיין משונענעם געלויף נאָכן פאַרשוויצטן לאָקאָמאָטיוו, נאָך די איבעריקע וואַגאָנעס, וואָס, אַלע צוזאַמען, קלאַפּן־אויס מיט זייערע רעדער, די געשיכטע פון מענטשן, פון אַ פאָלק, וואָס ווערט ווידער געבוירן.

3. פערעלע די אמעריקאנעריז

אַ פאַרסאַפּעטער לויפט דער לאָקאָמאָטיוו איבער זיין אייזערנעם וועג, נאָכשלעפנדיק, הינטער זיך, אַ לאַנגע קייט מיט וואַגאָנעס. לויפט ער, דער לאָקאָמאָטיוו, מיט ריטשענדיקע קולות, אַרויסשוימענדיק פון זיינע אינגעווייידן הייסע פאַרע, וועלכע מישט זיך אויס מיטן צעפלאַקערטן אויר אינם מיטגזומערדיקן אוזבעקיסטאַן.

פילמאָל איבערן טאָג טרעפט:

די רעדער אונטער די וואַגאָנעס פאַרטשעפּען זייער געלויף אין אַ געשפּאָלטענער רעלס. נעמען דאַן אינגוויניק, אין די וואַגאָנעס, קלאַפּן צום טאַקט, נאָכן שפּרינגען פון די רעדער — שטיקער פון צעבראָכענע טעלער, איבערגעקערטע טשעמאָדאַנעס און וויינענדיקע קינדער, אַראָפּפאַלנדיקע פון די אויבערשטע יאַרעס.

זעצט זיך דאַן אַוועק אויף איר איבערגעקערטן געלעגער. פּערעלע „די אמעריקאַנערין", ווי מען רופט זי אין וואַגאָן, זיצט מיט פאַנאַנדערגעוואָרפענע הענט און פיס, הוידעט זיך אויף איר באַרג שמאַטעס, שרייענדיק צום מאַן, וואָס טרייסלט זיך אינמיטן פונם הוידענדיקן וואַגאָן־דיל:

— סענדערעע! אַז איך האָב געזאָגט: פאָרן מיטן „פּאַסאַזשירסקן", האָסטו געזאָגט — ניין!

— אודאי האָב איך געזאָגט — ניין: מיטנעמען שיסלען? האָב איך געזאגט — ניין; טעפּ? — ניין; פלעשער? — ניין; טעלער?..

— אַז אַרויס זאָלן דיר די ציין! — פאַרלייגט פּערעלע די נאַקעטע הענט אַרום די אָפּגעדעקטע עלנבויגנס.

איז דער דאָזיקער שמועס געענוג, אַז די שכנים אין וואַגאָן זאָלן זיך איבערקוקן מיט באַהאַלטענע שמייכלען אויף די פּנימער, וועלכע האָבן צו זאָגן:

אָפּגעלעבט יאָרן אין אַזיע און פאַרבליבן אַזאַ טן...

א באַשטעטיקונג דערצו נעמען זיך די שכנים אויך דאָס: ווען דער לאָקאָמאָטיוו נעמט האַמעווען זיין משוגענעם געלויף, נאָך איידער ס'באַווייזט זיך דאס בײדל פון דער סטאַציע, צינדט פּערעלע פאַנאַנדער אַ פייער אין וואַגאָן און, גלייך, ווי דער צוג שטעלט זיך, שפרינגט זי אַראָפּ מיט אַ טעפּל קאַרטאָפל אין איין האַנט, ס'פייער אין דער צווייטער; הינטער איר — דער מאַן, טרייסלענדיק אין די הענט צוויי שוואַרצע ציגל.

און אַז די קאַרטאָפל זיינען אָפּגעקאָכט, ביידע, מאַן און ווייב, זיצן צוריק אין וואַגאָן, רייבן צווישן די ציין דאָס הייסע קאַרטאָפל־מעל — דאַן איז צופרידן פּערעלע „די אַמעריקאַנערין", זען זי זאָגט צו סענדערן:

— וואס זאָגסטו איצט, מיין מאַן, האַ? ניט געדאַרפט מיטנעמען דעם טאָפּ?..

אין וואַגאָן ווייס מען צו דערציילן:

פערעלע פאָרט קיין אַמעריקע, זי האָט דאָרט אַן „אָנקעל". אויף פוילן וועט זי בלויז א קוק טאָן, מער ניט.

טרייסלען דערויף ווייבער מיט די קעפּ:

אַז אָך און ווי וועט זיין צום „אָנקעל", ווען זיין פערעלע וועט אים באַגעגנען מיט אַזויפיל טעפּ, אַזויפיל שיסלען...

דער צוג לויפט פארביי צעהאקטע פעלדער, דורכגעלעכערטע חורבות, אַרויסשטאַרנדיקע קוימענס פון צווישן קופּעס גרוז.

אין וואַגאָן דרעמלט דער אָוונט איבער אַראָפּגעלאָזטע, מידע קעפּ. די זון — אַ געשפּענסט, זיצט מיט איר אונטערשטער העלפט אויף אַ קופּע צווייגן.

ביים פאַנאַנדערלייגן די וואַטענע קאָלדרעס איבערן דיל, לאָזט אַרויס פון זיך אַ לאַנגן זיפץ, דער הויכער לייזער.

הייבט זיך דאַן אויף פון איר ווינקל פערעלע, שטעלט זיך אוועק אינמיטן וואגאן:

— זאָרגט ניט רעב לייזער, זאָרגט ניט; די זון פאַרגייט און גייט צוריק אויף; אַזוי זאָל איך דערלעבן צו טרעפן אַ לעבעדיקן דעם אָנקעל מיינעם, דאָרט אין אַמעריקע...

קאַמאָוויץ, יוני, 1946.

הער פעיגין

.1

אַז מ׳האָט אים אמאָל געפרעגט — וואָס איז זיין פאַך, מיט וואָס באַשעפטיקט ער זיך, — האָט ער געענטפערט: — א סוחר.

געענטפערט שטיל. צוריקגעהאַלטן. וואָרום, — צי דערקענט מען דען נים דעם סוחר אויף זיינע גלאַטע באַקן, משופּעדיקן שטערן ? צוואָס־זשע פרעגן ?

און אינדעראמתן:

אַז פעיגין איז געזעסן אין צוג, וואָס האָט אים געפירט פון בערלין קיין וואַרשע, געזעסן פאַרטראַכט אין דער קופּע. וועלכע האָט אים געטראָגן פון ווין, איבער פּראָג, בראַטיסלאַוואַ, קיין לאָדזש — האָט פאַר אים אין די טעג נים געפלעגט שטיין דער אויסזען פון די דאָזיקע שטעט, זייער געבוי. — זיינען זיינע גע־דאַנקען געווען פאַרפלאָכטן אין אַ פלאָנטער פון מסחרים. וואָס זייער נעץ איז געווען פאַרוואָרפן איבער די גרויסע שטעט אין אייראָפּע.

הער פעיגין !

אונטער דעם דאָזיקן נאָמען האָט זיך געפינען דער גרויס־שטאָטישער קניטש, דער אייראָפּעאישער זשעסט, וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ סך קניטשעלעך און מאַניערן.

און אַז דער הער פּעיגין האָט געפּלעגט אַרויסוואַרפן זיינע דראָבנע טריטעלעך, פון דער קופּע. אויפן פּעראָן פון וואַרשעווער הויפּט־וואָקזאַל, זיי פּאַנאַנדערגעשטעלט איבער דער מאַרשאַל־קאָווסקע־גאַס. געטראָגן מיט זיי זיין קורץ, ברייט גופל — האָט ער דאַן גלייך גענומען זוכן דעם וועג צוריק — קיין בערלין, פראַנקפורט: וואַרשע איז אַ דאָרף קעגן די דייטשע שטעט, אַ פּאַרעיפּושט ווינקל אינם גרויסן, דייטשן אייראָפּע.

אָט אַזעלכער איז ער געווען, דער הער פּעיגין.

און ווי אַזעלכער, האָט ער אויך געשטעלט זיינע שלאַ־בעריקע טריט איבער דעם שפּיגלדיקן אַספּאַלט פון דער רחבות־דיקער דייטשער שטאָט. ווען — היטלערס באַגלייטער האָבן אים געפירט צום צוג. ווי אַ פּוילישן ייד צו דער פּוילישער גרענעץ.

עס האָבן דאַן ניט געהאָלפן זיינע טענות, אַז ער איז אַ דייטשער סוחר, בירגער פון דייטשן שטאַאַט. ליבהאבער פון דייטשן פּאַטערלאַנד —

דאָרט, ערגעץ, אין די מעלדונגס־ביכער, איז געווען פאַר־שריבן, אַז פּעיגין איז אַ „פּאָלנישער יודע", אַ ייד, געבוירן אין פּוילן דער מדינה.

— און דייטשלאַנד — האָט מען אים דאָרט געגעבן צו פאַרשטיין — איז בלויז פאַר דייטשן, אַזעלכע, וואָס זיינען געבוירן אינם אויר פון דער דייטשער קולטור.

האָט ער דאַן, פּעיגין, ניט פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון אים, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרזינדיקט קעגן די דייטשע בלו־מען־שטעט, שפּיגלדיקן אַספּאַלט און רחבותדיקע הימלען.

דייטשלאַנד, מיין היימלאַנד!

ער איז אַ סוחר, דער פּעיגין, וואָס פאַראַ שייכות האָט מסחר מיט קולטור, מיט עכט־דייטשער דערציאונג? צי האָבן זיינע פאַרצווייגטע געשעפטן געברענגט שאָדן דער דייטשער קולטור, דעם דייטשן ווילשטאַנד?

אָטאָ דאָס אַלץ האָט ער געפרעגט היטלערס שליחים, געפרעגט, מעשה סוחר, געוואָלט וויסן — וואָס אַזעלכעס ער האָט געטאָן שלעכטס, דעם־אָ געשטאַפּאַוויעץ, וועלכער פירט

אים דאָרט אַהין, אין דעם פאַרשטינקענעם פוילן, פונוואַנען ער איז אַוועק מיט יאָרן, פיל יאָרן צוריק.

ס'האָט אָבער נים געהאַט קיין פעולה זיין רעדן. אין די דאָזיקע מינוטן, פון שטאָט ביז צום אָפענעם וואַגאָן אינם לאַנגן צוג, האָט ער פאַרלוירן דאָס, וואָס ער האָט געפלעגט אין זיך במשך פון יאָרן אין דייטשלאַנדס רעזידענץ; — אינם וואַגאָן איז געוואָרן אַריינגעפאַקט הערש־נטע. דער אַמאָליקער פוילישער, קליינשטעטלדיקער יונגערמאַן, וואָס איז געוואָרן איצט פאַרטריבן פון דער גרויסער דייטשער שטאָט, צוריק קיין פוילן.

דאָס דאָזיקע איז פאָרגעקומען אינם אָנהייב פונם יאָר ניינצן אַכטן דרייסיק.

און דאָס דאָזיקע — די דאָזיקע געפילן און טראַכטענישן — האָט ער געפירט מיט זיך איבער פוילנס שטעט און שטעטלעך, זיי געפירט מיט זיך, ווי קאַלטע ווערעמלעך, לויפנדיקע איבער זיין ציטעריקן גוף, וועלכע האָבן אים דערמאָנט —

פון הער פעיגין איז געוואָרן הערש־נטע:

אַן איינגעהויקערטע ביינער־מאַסע; אַ נאַקעטער קאָפ־שאַרבן, פונוועלכן ס'איז אַראָפּגעקראָכן די גאָר־נאָנטע פאַרגאַנגענהייט, אויף וועלכן ס'האָט זיך באַזעצט דער קליינשטעטלדיקער יידישער יונגערמאַן, פונוועמען ס'האָט אים געעקלט אַזוי שטאַרק.

הערש־נטע!

איבער צוואַנציק יאָר זיינען פאַרביי און צוזאַמען מיט זיי — דאָס געדעכעניש פון זיין געבוירן־שטעטל, דער נאָמען, מיט וועלכן ס'האָבן אים געקרוינט טאַטע־מאַמע.

איצט איז ער צוריק דער אייגענער, וואָס געווען.

אָבער דאָס דאָזיקע איז נאָר אַן איבערגאַנג־צייט, אַ תקופה אַזאַ: פון הערש־נטען וועט ווערן צוריק הער פעיגין, דער סוחר פון האַנאָווער און לייפציג, דער דייטש פון יאַהודישן גלויבן.

טאַקע דערפאַר, ווייל די דאָזיקע שלעכטע צייט וועט גיך פאַרשווינדן, האָט הערש־נטע פעיגין אַרומגעשלייכט איבער וואַר־

שעווער גאַסן מיט אַ בליק פּאָראויס, ניט באַגריסט זיך מיט קיינעם, ניט געענטפערט אויף קיינעמס באַגריסונג.

אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען אינם דייטשן היימלאַנד און אַזוי דאָ, אינם ציימווייליקן הינטערלאַנד.

בפרט, אַז אילוזע, זיין לעבנס־באַגלייטערין, פירט־אָן מיט די מסחרים דאָרט. אין בערלין — אילוזע, זיין בלאָנד ווייב פונם דייטשן לאנד, — קען ער איצט זיין רואיק. קען ער שטיין רואיק אין דער ריי, וואַרטן אויף אַ ביסל זופּ, וואָס עס גיט די־חברה „תמכי עניים".

איז ער געשטאַנען אַזוי לאַנג אין דער ריי. הערש־נטע פעיגין. ביי דער חברה „תומכי עניים" אין וואַרשע. ביז —

ביז דעם חודש סעפּטעמבער, פונם יאָר ניינצן ניין און דרייסיק.

אַ הייסער חודש געווען.

זון און ערד — איין שטיק פייער, אַ גליאיקע לאַווע, וואָס פלאַקערט איבער פוילנס שטעט און שטעטלעך.

און הערש־נטע פעיגין אינדערמיט.

אמת. בשעת־מעשה. האָט ער געהאַט הנאה־דערפון. וואָס עס געשעט אַרום אים; געהאַט הנאה דערפאַר:

אויב האָט דאָס פוילן, וועלכעס האָט אים געעקלט אַזוי שטאַרק, דערפירט דערצו, אַז ער, הער פעיגין, זאָל ווערן אויס־סוחר. פאַרלירן זיין מענטשישן „איך" — זאָל־זשע געשען, וואס עס געשעט.

דאָך — הערש־נטע מוז ראַטעווען דאָס ביסעלע מענטשי־שע, וואס איז נאָך פאַרבליבן ערגעץ פאַרשטעקט אין אים — ראַטעווען די פינף צענטליק יאָר, מיט וועלכע ער האָט נאָך בדעה פיל אויפצוטאָן אויף דער וועלט.

איז ער געשטאַנען. אין איינעם פון יענע טעג, אינמיטן פון אַ גאַס, אין וואַרשע דער שטאָט.

וווהין זאל ער לויפן?

איזן איז ער אַ בירגער פון גרויסדייטשלאַנד און, דערצו — אַ „פּאָלנישער יודע". זיין פאַטערלאַנד האָט אים פאַרטריבן קיין פּוילן; איצט ווערט פּוילן פאַרטריבן, צוזאַמען מיט אים, פון דער וועלט.

פאַטערלאַנד, דו מיינס! איך, דיין מיטבויער, געשעפטסמאַן, דער געאַכטעטער הער פעיגין, באַדויער שטאַרק, וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר. באַדויער — און וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן אָן דיר.

אַ טרער האָט געגלאַנצט אין הערש־נטעס אויגן, זיך אַ גלימש געטאָן איבער זיינע איינגעפאַלענע באַקן, געבליבן שטעקן אין אַ ווינקל פונם פאַרטריקנטן מויל־שפּאַלט.

און דערמיט האָט עס זיך געענדיקט אין יענעם טאָג.

און אָט אַזוי, שלעפּנדיק זיין פאַרדאַרטן גוף אויף באָר־וועסע, צעבלוטיקטע פיס האָט הערש־נטע אַוועקגעלייגט זיינע פופציק יאָר אויף אַ באַרג נעבן וויסן ים, אויף אַ שטיק ערד, וועלכעס איז אַרומגערינגלט מיט ווייסע נעכט.

רוסלאַנד.

איצט, אַז מען האָט אים געפרעגט, מיט וואָס ער האָט זיך אַמאָל באַשעפטיקט, וואָס עס איז געווען זיין פאַך, האָט ער, בשעת־מעשה, ניט געוווסט, וואָס צו ענטפערן.

אַ סוחר?

מיט דעם דאָזיקן אויף די ליפּן האָט ער געקענט פאָדערן נאָך אַ לעפל זופּ אין דער חברה „תומכי עניים" אין וואַרשע; פאַר דעם דאָזיקן האָט מען געהאַט דרך־ארץ אין בערלין און האַנאָווער, האָט מען אים דאָרט גערופן — הער פעיגין.

איצט איז דאָס פאַרגאַנגענהייט.

האָט הערש־נטע, באין־ברירה, מסכים געווען צו נעמען אַ לאָם אין די הענט אַריין. צו האַקן מיט אים, עקשנותדיק, איבער געפרוירענער ערד.

„הער פעיגין" איז פאַרשווינדן פון זיין טראַכטן; אין זיין מח האָט זיך באַזעצט — „הערש־נטע", זיך באַזעצט, ניט צו רירן פון אָרט.

און דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי.

אָנשטאָט, וואָס ביז איצט האָט נאָך געפּיקט אין זיין גע־דאַנק די האָפנונג פון אומקערן זיך צום אַלטן, פון צוריקברענגען דעם עבר, האָט ער פון איצט אָן גענומען לעבן מיטן עתיד, מיט דעם, וואָס עס וועט ברענגען דער היינטיקער, מאָרגנדיקער טאָג.

ביי דער אַרבעט אין די ווייסע נעכט אַרום ווייסן ים, האָט ער זיך באַגעגנט מיט דעם. וואָס רופט זיך — האַרטקייט פון לעבן, עקשנות, צו דערהאַלטן איינאיינציקע שעה, אַ מינוט, פאַר אונטערגאַנג.

און דערפאַר האָט הערש־נטע געדריקט, מיט זיינע לעצטע כחות. דאָס געפרווירענע שטיק אייזן צווישן די אויסגעדרייטע ביינדלעך פון זיינע הענט, זיך געאַמפּערט דערמיט אויף דער אייזיקער ערד —

לעבן, איבערלעבן דאָס שלעכטע!

און זאָל ער בלייבן כאָטש ביי זיין קליינשטעטלדיקן. יידישן נאָמען — אָט, ביי דעם פאַרהאַסטן — הערש־נטע!

האָט דאָס דאָזיקע אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז עס איז געקומען איינער אַ טאָג:

אַ פראָסטיקער, ווייסער נעפּל איז געהאָנגען איבערן ווייסן ים; אויסגעפורעמטע, אייזיקע שטערנדלעך, האָבן זיך געדרייט אין דער לופט, זיך פאַרטשעפּעט איינס אָן איינס, בלייבנדיק פאַרקלאַמערט אויף הויבע שפּיצן פון טעלעפאָן־סלופּעס, עלעק־טרישע דראָטן, און קאַלטע אייזנס אין הענט פון יידן — פּוילישע יידן.

איז געקומען אַ באַפעל פון ערגעץ אַ גרויסער שטאָט, דערגרייכט צום לאַגער אַרום ווייסן ים, זיך אָנגעשלאָגן אויף די קעפּ פון ערד־גרעבער, אין די ווייסע מעת־לעתן:

— אַלע פּוילישע יידן דאַרפן זיך גיין פאַרשרייבן.

האָבן קאַלטע אייזנס אַרויסגעלאָזט פון אונטער זיך די לעצטע פינקען, לאָפּעטעס געבליבן שטעקן אין גריבער.

בלויז הערש־נטע איז געשטאַנען אויף זיין פּלאַץ.

— קומט, פאַניע, קומט! — האָט מען אים געשלעפּט ביי די צווטן פון זיין וואַטניק.

— פוילישע יידן ווערן באַפרייט! קומט!

האָבן יידן, קוקנדיק אויפן פאַרגליווערטן הערש־נטע, געזאָגט:

— אַ חסר־דעה.

— אַראָפּ פון זינען.

— אַ רחמנות.

אָבער קיין רחמנות איז ניט געווען אויף אים. דעם גע־וועזענעם הער פעיגין. דוקא איצט האָט ער זיך דערמאָנט זיין פאַרגאַנגענהייט, געהאַט מיט זיך אַ ישוב און געקומען צום באַשלוס:

ניין, ער וועט ניט צוליב טאָן די געשטאַפּאָווצעס. ער איז ניט קיין „פּאָלנישער יודע"... איז דאָס ניט...

אין דער דאָזיקער מינוט האָט אויפגעפלאַקערט ערגעץ טיף אין אים דער דייטשער סוחר פון יאַהודישן אָפּשטאַם, האָט ער ניט געקענט מוחל זיין דאָס קליינע פּוילישע שטעטל, צוליב וועלכן ער איז געוואָרן פאַרטריבן פון דער גרויסער דייטשער שטאָט מיט רויט־געדעקטע דעכער.

ער טאָר דאָס קיינמאָל ניט מוחל זיין! — האָט זיין שטאָלצע פאַרגאַנגענהייט געזופן אין אים. ניט קיין רחמנות האָט ער געפאָדערט אין די דאָזיקע מינוטן, נאָר — אומקערן דאָס, וואָס מ'האָט צוגענומען ביי אים: זיין דייטשלאַנד, זיין אילוזיע, זיינע געשעפטן פון האַנאָווער ביז וואַרשע.

ס'האָט אָבער קיינער ניט געהערט זיינע טראַכטעניש.

מ'האָט אים אַריינגערופן אין קאַנצעלאַריע. דער לאַגער־שעף האָט געהאַט אַ באַפעל צו באַפרייען. האָט ער באַפרייט אויך דעם לאַגערניק הערש־נטע פעיגין, וואָס האָט געלעבט ביז ניין און דרייסיקסטן יאָר אין פוילן.

— אַ פּאָלאַק? — האָט דער שעף געוואָלט וויסן.

— ניין, יאָ — האָט הערש־נטע געשטאַמלט — אַ ייד...

איז ער פונם דאָזיקן טאָג אָן געבליבן אַ ייד, אַ פּוילישער ייד, הערש־נטע פעיגין.

אַזאַ פּאַפּירל האָט ער געטראָגן מיט זיך אין קעשענע און

מיט דעם דאָזיקן פּאַפּירל האָט ער פֿאַרלאָזט די געפּרוּווירענע ווייסע נעכט. אַרומען ווייסן ים. זיך באַזעצט צווישן הייסע. גליענדיקע טעג אַרומען שוואַרצן ים.

און דאָס אַלץ.

וואָלט דאָס דאָזיקע געגוג געווען, אַז ער, דער אַלטער הערש-נטע פּעיגין, זאָל אויסרוען זיינע קרוב צו זעכציק יאָר, זיצן ערגעץ. וואַרטן. ביז עס וועט זיך ענדיקן דער עתיד זיינער צוזאַמען מיטן עבר: — פֿאַרשווינדן איז הער פּעיגין, אויסגעגאַנגען הערש-נטע צווישן פּרעמדע, אויף פּרעמדער ערד.

האָט ער אויף דעם דאָזיקן טאַקע געוואַרט און זיך ניט געקענט דערוואַרטן.

וואָרום. בשעת האָט געגומען דער שוואַרצער ים, געוואָרן באַוואָרפן מיט שומיקע כוואַליעס, פֿאַרשלינגענדיקע אין זיך דעם אַרום. —

היטלער האָט איינגעביסן זיינע שפּיציקע ציין, טיף זיך איינגעפּרעסן מיט זיי אין דער ריזיקער חיה, רוסלאַנד, פֿונם ווייסן ביזן שוואַרצן ים.

און הערש-נטע איז אינדערמיט.

האָט ער איצט ניט געוווּסט, אין וועלכער ריכטונג צו קערעווען זיינע מחשבות:

צי דאַרף עס טאַקע גיין אזוי. ווי עס גייט. ווי עס דערנענטערט זיך דער אנהייב פֿונם סוף—וועלט-סוף און אויך צוזאַמען זיינער. אָדער, פֿאַרקערט-איצט איז בלויז דער סוף פֿון אַן אָנהייב ערשטן עטאַפּ. נאָך וועלכן עס וועלן קומען אנדערע. פֿיל אנדערע עטאַפּן, צוליב וועלכע. ער, דער הער פּעגין, וועט ווערן צוריק דאָס. וואָס געווען...

אָבער זיין טראַכטן האָט שוין ניט געהאַט קיין פּעולה. טיף. אין זיין בלוט, איז געווען פֿאַרזעסן דער קליינשטעטלדיקער ייד— הערש-נטע פֿון פּוילן. און ווי אַזעלכער האָט ער איצט אַרומגעשפּאַנט אין טראָפּיקאַלישע טעג מיט אַ שטעקן אין די הענט. געהיטן שאָף אויף די פֿעלדער — געווען אַ פּאַסטעך אַרום דעם שוואַרצן ים.

און טאַקע דאָ אַ, אין דער מדבר, צווישן די שאָף, האָט ער, פון צייט צו־צייט, אַ שמועס געטאָן מיטן ייד, וואָס האָט זיך איבערגעוועקט אין אים:

הער פעיגין האָט איבער צוואַנציק יאָר געמסחרט אינם לאַנד פון רויטע דעבער; הערש־נטע גראָבט ערד און פאַשעט שאָף אינם לאַנד פון איינגעפאַלענע קיביטקעס... און איצט וואָס? — אַן אַרומגעפליקטער וואַטניק אויפן נאַקעטן לייב...

דאָס דאָזיקע האָט ער אויך איינגעטענהט מיט יידן אין דאָרף, נאָכן אַהיימקומען פון פעלד.

און דער ענטפער, וואָס ער האָט באַקומען פון זיי, איז געווען:

— הערש־נטע, רב הערש־נטע, אַז מען זייט אין דער מדבר וואַקסט זאמד...

— און אַז מען פלאַנצט ביי זיך אין גאָרטן צעעפנען זיך קנאָספּן...

— ווו־זשע נעמט מען אים, דעם גאָרטן, האַ, ווו נעמט מען אים?

— ער איז דאָ, רב הערש־נטע, דער גאָרטן; ער וואַרט אויף אונדז...

וואָס אַ טאָג ווייטער, אַלץ שיטערער זיינען געוואָרן די אַראָפּהענגענדיקע קישעלעך אויף הערש־נטעס באַקן, יאַלץ גע־דיכטער געוואָרן מיט שטעכיקע הערעלעך.

געשטעלט האָבן זייערע לעצטע טריט די שרפהדיקע טעג אַרומן שוואַרצן ים, אייליק האָט זיך אָנגערוקט דער הערבסט פונם יאר ניינצן פירן פערציק.

2.

ליגט אַ שטעטל, אַרומגערינגלט מיט דערפער, לייִדיקע דערפער נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך אויסגעריניקט פון ברויט, פּירות און אַנדערע ירקות.

זיצן בערדיקע דאָרפס־לייט אַרום טשייכאַנעס, פאַרפלאָכטן די פיס אונטער זיך, איינגעוויקלט אין וואַטענע פאַרביקע כאַלאַטן, שמועסנדיק, וועגן מלחמה און שלום.

און אויף דעכער פון שטעטלשע ליימענע קיביטקעס בריזגען לאַנגע. דינע רעגן־פּאַסן. וואַשן־אָפּ דעם סאַמאַן פונם זאַמד, שיילן אַרום די געלע שטרויעלעך פונם ליים, מיט וועלכן זיי זיינען געווען צוזאַמענגעקנעטן.

אַ שטעכיקער רעגן לעכערט־דורך וואַנט און דאַך, דרינגט אַריין אין שוואַרצע הייזקעס פון דאָרף און שטאָט.

אַ מבול איז געקומען אויף אוזבעקישער ערד.

שוין באַלד אַ וואָך.

זינקען באָרוועסע טריט אין צעווייקטן ליים. איילן אוזבעקישע מיידלעך מיט פאַרביקע, פאַרבלאָטיקטע הויזן, פון דאָרף אין שטאָט, טראָגנדיק אויף נאַסע קעפּ קריגן מיט קאַטיק. מאַצאָני און אַנדערע זויערע געטראַנקען.

— הוי, כודיי! — וואַרפן זיך דורך שכנטעס מיט זיפצן; ענטפערן שכנטעס איינע דער אַנדערער:

— הוי, אַפּאַ, יאַמאַאאַן!

און עסן דאַרף מען, מוז מען.

אַ מלחמה אויף דער וועלט.

און זי, די מלחמה, האָט אַוועקגענומען דעם מאַן פון דאָרף, דעם ברויט־געבער פון שטוב — ס׳לעצטע ביסל תבואה.

ציטערן פון קעלט דאָרפישע מיידלעך אַרום שמאָלע, לאַנגע טישן אויף שטעטלשן באַזאַר, וואַרעמען די הענט אַרום הייסע פאָרצעלייענע טשייניקעס, אָנגעפילטע מיט גרינעם טיי.

— מאַ־נאַ! — דערלאַנגט אַלע ווײַלע איין חברטע דער צווייטער אַ שיסעלע מיט הייסן טיי, לייגט־צו, בשעת־מעשה, די האַנט צום האַרץ — מאַנאַ, יאַכשי־טשיי.

און הויך, איבערן משופּעדיקן דאַך, וועלכער הענגט איבער די טעפּ מיט זויער־מילך, גליטשט זיך, קאַלוזשעסווייז, דער רעגן, קאַפּעט איבער האַלז און קאַרק, שלענגלט זיך איבער נאַקעטער פלייצע פון קונים, וועלכע פאַרזוכן די דאָרפישע מאכלים.

— ניטש־פּול? — ווילן די קונים וויסן.

און, אַזוי, פרעגנדיק, פאַרזוכן זיי די זויער־מילך, לעקן זיי אָפּ אַ פאַרברודיקטע האַנט. נאָכדעם, ווי די סוחרטע האָט אויף

איר אַרויפֿגעקאַפּעט עטלעכע טראָפּנס פֿונם הילצערנעם לעפֿל.

— גוטע זויער־מילך, געדיכטע, — קאַטיק! — זאָגן די קונים. נאָך אַ פֿאַרטראַכטן זיך, שטעלן זיך אַוועק נעבן אַ צווייטער סוחרטע. אויך דאָרט פֿאַרזוכן.

און גיין אַוועק פֿון טיש מיט אַ זויערער צונג, מיט אַ ליידיקער טאַש.

ליידיקגייער, וואָס האָבן ניט קיין געלט צו באַצאָלן פֿאַר דעם זויערן געטראַנק.

אַזוי אַ גאַנצן רעגנדיקן טאָג:

וואַרטן דאָרפֿישע מיידלעך אויף פֿדיון; לעקן אַרום שטעטלשע פֿאַרביילויפֿער ברודיקע הענט — און אַלע גיין זיי אין די דורכגענעצטע, האַלב־איינגעפֿאַלענע הייזקעס, מיט אַ ליידיקן, פֿאַרטריקנטן מאָגן.

אַזעלכער איז געווען דער אוזבעקישער הערבסט פֿונם יאָר ניינצן פֿירן פֿערציק.

און אַזוי האָט זיך ניהג געווען דער אַלטער הערש־נטע אינם אוזבעקישן שטעטל קאַראַ־קול:

גלייך, ווי די מלחמה האָט געגומען אויפֿלאַקערן אַרומן שוואַרצן ים און, גלייך, ווי דער שוואַרצער ים האָט גענומען לעשן די מלחמה, האָט ער זיך פֿעסטער אַרומגעוויקלט אינם צעפֿליקטן וואַטניק, פֿאַרוואָרפֿן דעם פֿאַסטוך־שטעקן, אַוועק, צוזאַמען מיט בחורים פֿון פּוילן, אינם טיפֿן אוזבעקיסטאַן.

— ניט פֿאַר מיינע כחות — האָט ער געטענהט איבערן וועג — ניין, כ׳קען ניט מער.

און זיך געדרייט איבערן באַזאַר, פֿאַרברענגט נאַסע טעג אַרום אוזבעקישע מיידלעך מיט זויער־מילך — געלעקט די ברודיקע האַנט־פֿלאַך, נאָכן פֿאַרזוכן די זויערע טראָפּנס.

לעצטע. שווערע טעג פֿאַר הערש־נטען. לעצטע דערפֿאַר, ווייל, ווי די בחורים דערציילן, קומט זי אָט־אָט, זי, די ישועה.

און איבערהאַלטן מוז ער, יאָ, ער מוז.

שלייכט ער זיך אַרום, אין רעגנדיקע פֿאַרטאָגן, אויפֿן שטעטלשן באַזאַר, פֿאַרברענגט דאָרט דעם טאָג אַרום די קריגן

מיט קאַטיק. און אין כמורנע פאַרנאַכטן טרייבט עס אים אַוועק פון דאָרט. צוזאַמען מיט אוזבעקישע סוחרטעס אין זיין פייכטן שטוב־לאָך אַריין.

פאַרשטעקט ער זיך דאָרט ערגעץ, אין אַ ווינקל, הערט, וואָס בחורים, פאַנאַנדערגעלייגטע איבער נאַרעס, שמועסן צווישן זיך:

— בין איך היינט געווען ביי יוסופאָוון, אים געבעטן, ער זאָל מיך שיקן שלאָגן דעם שונא...

— וואָס־זשע האָט ער דיר געענטפערט?

— אַז כ'בין אַ ייד — האָט ער מיר געענטפערט.

— איז וואָס?

— איז דאָס, אַז אויפן פוילישן פראָנט, שיקט מען נאָר פּאָלאַקן...

— גיי איך מאָרגן זאָגן, אַז כ'בין אַ פּאָלאַק...

פאַרשטייט ניט הערש־נטע, אין זיין ווינקל:

היטלער שלאָגט יידן; — פאַרוואָס־זשע טאָרן ניט יידן שלאָגן היטלערן?!

דערפאַר – הערט ער אַן ענטפער:

— יוסופאָוו האָט געזאָגט, אַז פוילן וויל ניט נעמען קיין יידן אין דער אַרמיי...

היטלער האָט אים, דעם הער פעיגין, פאַרטריבן פון זיי־נע מסחרים, ווייל ער איז א ייד; דערנאָך האָט ער פאַרטריבן די פּאָלאַקן פון זייער לאַנד צוזאַמען מיט אים; איצט, אַך, איצט, ווען ער וואָלט נאָר געווען ביי די כחות...

— דעריבער זאָג איך, קינדערלעך, אז עס איז א טעות. א גרויסער טעות...

— וואָס איז א טעות, רב הערש־נטע, האַ?

— ס'איז א טעות אָטאָ דאָס, וואָס איר טראַכט, צו ווערן פּאָלאַקן...

— וואָס דען דאַרף מען טאָן?

— יידן דאַרפט איר פאַרבלייבן, יידן — און זאָל זיין וואָס עס וויל זיין!..

פון יענעם טאָג אָן זינט ער איז אַוועק פון די ווייסע נעכט, אַרומן ווייסן ים, ביז דעם היינטיקן טאָג. האָט זיך ביים הער פעיגין אַלץ איבערגעקערט קאַפּויער. האָט ער אינגאַנצן פאַרוואָרפן זיין עבר, אָטאָ דאָס, וואָס האָט נאָך געגריבלט אין זיין מח. — דאָס איבערבלייבעכץ פון אַ יאַהודישן ייד. איצט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט אַמאָל: זיך אַריינפּאַסן אינם לעבן פונם פאָלק, צווישן וועלכן ער האָט זיך געפינען — אַז דאָס האָט אים פאַרפירט. צוגענומען ביי אים די לעצטע כחות און אויסגעשפּיגן. ווי אַן אַרומגעגריי־זשעטן ביין. ביי זיינע זעכציק יאָר, האָט ער זיך געפילט היימיש צווישן אָטאָ די דאָזיקע בחורים. וועמענס וווינונג ער האָט גע־היטן. ביי וועמען ער האָט געהאַט אַ ווינקל, ווו איבערצונעכטיקן.

— פאַרשטייט איר מיך — האָט ער געזוייקט אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט אין־אַ טעפּל הייסע וואַסער — פאַרשטייט איר מיך, קינדערלעך, אַז אויך איך האָב אַוועקגעגעבן מיינע יאָרן, כחות, צווישן ניט־יידן, געוואָלט פאַרדעקן מיין ספּעציפיש־יידישן אָפּשטאַם — און אָט זעט, וואָס עס איז אַרויסגעקומען: פון הער האַנס פעיגין האָט געמוזט ווערן הערש־נטע. געמוזט צוריקגיין צום וואָרצל, צום שטאַם.

איבערן אָפּגעקראָכענעם דאַך האָבן געקלאַפּט גראָבע רעגן־טראָפּנס, געקאַפּעט אויף די אַרומגעשיילטע ווענט, אַריינגע־דרונגען אין דער קיביטקע, אויף די הילצערנע נאַרעס.

און הערש־נטע האָט צוליב געטאָן די בחורים, זיי דער־ציילט, ווער ער איז געווען אַמאָל:

— ביז די דרייסיק יאר, קינדערלעך, האב איך געהאלפן דעם טאטן אין דער מיל אינם שטעטל קויל, וואס ליגט ביי דער ווייסל, ארום דער שטאט וולאצלאוועק; דערנאך האב איך איבערגעלאזט ווייב און קינדער, אנטלאפן קיין דאנציק און פון דארט — אין טיף דייטשלאנד. דאס לעבן האָט געגליקט. פאַר־שטייט איר מיך: פון הערש איז געווארן האנס; יאָ, הער האַנס פעיגין. אַזוי האָט מען מיך טיטולירט איבער צוואנציק יאָר, אָט אַזוי...

דער ווינט רייסט שטיקער פון דער הייזקע. הערש־נטע זיפצט. ס׳איז שווער צוזוויסן, צי האָט ער חרטה אויף זיין אַוועקוואַרפן דעם טאַטנס שטעטל, אָדער, עס טוט אים וויי זיין איצטיק לעבן.

און ער פאַרענדיקט:

— איז געקומען היטלער, צוגענומען ביי מיר מיינע מיטולן, מיך געמאַכט פאר אוים־האָנס...

— און איצט קומט יוסופאָוו — רופט זיך אָן אַ בחור — און זאָגט, אַז אַ ייד מוז בלייבן אַ ייד...

— אָטאָ דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט אויספירן, קינדער־לעך: ניין. ס׳וועט גאָרניט העלפן. אַ ייד דערקענט מען אומעטום, קינדערלעך. שוין אַזאַ באַשעפעניש...

אַזוי יעדן אָוונט.

און אַזוי זיינען פאַרביי טעג און וואָכן: הערש־נטע האָט זיך געשפּייזט אויפן באַזאַר — אַמאָל מיט אַ רויען מייער, אַמאָל — מיט עטלעכע טראָפּנס זויערמילך; און די בחורים, וועמעס שומר אין דער וווינונג ער איז געווען, האָבן געטראָגן ציגל אַרום דער שטעטלשער סטאַציע.

און דער הערבסט איז געווען אַ לאַנגער, אַ גראָער אינם אוזבעקישן שטעטל קאַראַ־קול.

ליגט אַ צעטאָפּטשעטער וועג צווישן שטעטל און סטאַציע. קייקלען זיך איבער אים הויכע אַרבעס, פאַרביקע אוזבעקן מיט צעקאָדלטע בערד. שפּאַנט פון צייט־צו־צייט הערש־נטע צום וואָקזאַל. שטייט אויפן פּעראָן, זעט לאַנגע עשאַלאָנען, וועלכע איילן פאַרביי פונם שוואַרצן ים.

עס דערנענטערט די ישועה.

אַזוי שמועסט מען אומעטום. און דאָס אייגענע דערציילן די בחורים, נאָכן אָפּרוען בשעת דער אַרבעט:

— היטלער באַקומט קלעפּ; מיר פאָרן בקרוב אַהיים.

טראַכט דער אַלטער הערש־נטע:

אַז די דייטשן האָבן אַ מפּלה, דאָס דאָזיקע זעט מען

בעשיינפערלעך; אָבער וווהין וועט ער פאָרן, צו וועמען? ווו גע־
פינט זי זיך, זיין היים?

דאָס אייגענע טראַכטן אויך די בחורים אין די פינצטערע
אָוונטן, נאָכן קומען פון דער ארבעט. נאָר זיי מאַכן אַן אויספיר:

— מיר וועלן פאָרן אַהיים. רב הערש־נטע. פאָרן, אין דער
יידישער היים אַריין.

איז ער מסכים. אויך ער וועט פאָרן דאָרט אַהין. אודאי
וועט ער פאָרן. וועט אַפילו ניט אַ קוק טאָן אויף פוילן, אויף
דייטשלאנד. וועט פאָרן צוזאַמען מיט די בחורים—קיין ארץ־ישראל

אַזעלכע שמועסן הערט ער טאַקע יעדן אָוונט:

— די וועלט שלאָפט ניט, זי רוט ניט: עס ווערט געשאפן
דאָס יידישע לאַנד...

נאָר ביז וואָס־ווען, מוז ער, הערש־נטע, פאַרבייפאָרן פוילן,
זען, וואס עס איז געוואָרן פון זיין געבוירן־לאנד:

קופעס גרוז הייבן זיך פאַרביי די וואַגאָן־פענסטער, געלע־
כערטע אויגן פון צעהאַקטע שטעט און דערפער, דערציילן, אַז
אַ מלחמה איז דאָ געווען.

און איצט? דער מוסר־השכל?

אין שפעטע אָוונטן, ווען די וואַגאָנעס פונם לאנגן עשאַ־
לאָן ווערן איינגעהילט מיט נאַכט, שניידן זיך פאַרביי איבער
פוילישער צעהאַקטער ערד, שליידערן פאַלאַקן שטיינער אין די
צעעפנטע וואַגאָן־טירן. וואַרפן־אָן שרעק אויף זייערע מיטבירגער,
וועלכע קומען העלפן אויפבויען דאָס חרובע פאַטערלאַנד.

אויפבויען!

דאָס דאָזיקע האָט הערש־נטע געהערט אין אוזבעקיסטאַן,
איידער ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין וואַגאָן. וועלכער האָט
אים געדאַרפט פירן קיין פוילן, און נאָך דעמלט האָט ער ניט
מסכים געווען מיטן דאָזיקן.—

יידן האבן ניט וואָס צו בויען אויף פרעמדער ערד.

דער זעלביקער געדאַנק, וועלכער האָט אים אַמאָל פאַר־
טריבן פון פוילן, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געהאַסט — דער
אייגענער געדאנק האָט אים אויך איצט ניט געלאָזט רואיק

איינזיצן אויף דער פוילישער ערד, — ניט בלויז אויף דער פוילישער:

אַפילו דערנאָך. ווען ער האָט זיך געהייסן פירן צוריק קיין דייטשלאַנד, צוריק אין דער היים, פונוואַנען היטלער האָט אים אַרויסגעטריבן — האָט ער אויך, בשעת מעשה, געטראַכט, אַז מחמת נקמה, וויל ער זען, וואָס עס איז געוואָרן פון יענע געשטאַפּאָוצעס. וועלכע האָבן אים פּאַריאָגט פון דאָרט.

מער ניט.

און אינווייניק, טיף אין זיך, האָט ער ניט געקענט שלום מאַכן מיטן גורל:

צי האָט ער טאַקע געמוזט וואַרטן אַזוי לאַנג. ביז אָטאָ זיי, די דייטשע יונגען. זאָלן אַרויסברענגען פון אים דעם ייד, וועלכן ער האָט פאַרשטויסן פון זיך?!

דאָס דאָזיקע האָט ער זיך ניט געקענט מוחל זיין.

אויך האָט ער ניט געקענט מוחל זיין דאָס. וואָס איצט. נאָך דעם גלות. וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט, זיצן דייטשן רו־איקע אין זייערע וווינונגען, פילן ניט, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן אים, דער וועלט.

איז ער אַוועק זען, ווו עס געפינט זיך אילזע, זיין ווייב, זיינע מסחרים.

און אָט. וואָס ער האָט געזען:

פון צווישן ציגל און אייזן, אויף איינער פון בערלינער צעהאַקטע גאַסן. צייכנט זיך אַרויס אַ גלייכע וואַנט, אַן אָפּגע־שיילטע. ווי רויט פלייש פון אַ געעפנטער וווּנד.

אָטאָ דאָ האָט געוווינט האַנס פעיגין, געפירט זיינע מסחרים.

איז גאַנץ געבליבן זיין באַלקאָן. זיינע פענסטער, איז לעבן געבליבן זיין אילזע. וועלכע ער זעט פאַרבייגיין דעם פּלאַץ.

ספקט ער. הערש־נטע:

אַריינגיין, אָדער ניט אַריינגיין?

און ער האָט זיך געהויבן איבער אַרומגעריסענע טרעפּ, פאַרביי ווענט, צווישן וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט צוויי צענט־ליק יאָר פון אויפשטייג און אומקום.

אַלטע אָפּגעקראָכענע ווענט, ווי אַלט און אָפּגעקראָכן ס'איז געוואָרן דער הער האַנס פּעיגין.

שוין.

די טיר פון זיין שטוב האָט זיך געעפנט. אַ ווילד געשריי האָט אים פאַרהאַלטן דעם וועג.

איז הערש־נטען שווער געווען צו וויסן, צי איז געקומען דאָס דאָזיקע געשריי פון זיין אילוזען דערפאַר, וואָס זי פילט זיך עפּעס שולדיק לגבי אים, אָדער — מחמת מורא, וואָס דער באַלעבאָס איז צוריק לעבעדיק געוואָרן, געקומען אָפּנעמען זיין באַלעבאַטישקיים.

— האַאַאַנס!

אָבער הערש־נטע לאָזט ניט צו זיין געוועזן ווייב נאָענט צו זיך.

אַ גראָע, פאַרטריקנטע דייטשקע, געל, מיט אויפגעבלאָ־זענע באַקן.

אילזע איז איר נאָמען.

און דעם דאָזיקן נאָמען וועט זי קיינמאָל ניט איבערבייטן.

ער זיצט איר אין בלוט, ווי אַ גליד פון דייטשן פאָלק.

פון האַנסן אָבער איז געוואָרן הערש־נטע — דער יידישער ייד פון אַ געפּייניקט פאָלק.

גיט ער דאָס דאָזיקע איצט צו פאַרשטיין זיין געוועזן ווייב. ער איז נאָר משעקאַווע צווויסן:

— פאַרוואָס איז געבליבן לעבן אַזויפיל פון אייך, הא, פאַרוואָס?

— האַנס! — בעט זיך ביי אים אַ ביינער־בינטל — איך האָב דאָך גאָרניט געוווסט, האַנס...

רויט־ראָזע פלעקן זיינען פאַנאַנדערגעוואָרפן איבערן בין־השמשותדיקן הימל. לעצטע זון־שפליטערן וואלגערן זיך איבער

קלויסטער־שפּיצן, געצײלטע, רויטע דעכער פון דער שטאָט בערלין.

ס'איז סוף פונם זומער ניינצן פינפן פערציק.

— זײַ, האַנס, זעץ דיך. דערצײל...

אָבער פאַר אים, דעם געוועזענעם באַלעבאָס פון דער דאָזיקער שטוב, איז שוין געגנוג דאָס געפינען זיך דאָ; געגנוג איז פאַר אים אויך דאָס, וואָס ער זעט דורכן פענסטער — שוואַרץ־בערלין, געלעכערטער, פינצטערער חלל איבער דייטשער ב'/ומען־שטאָט.

און דאָס איז זײַן טרייסט.

אויך טרייסט ער זיך דערמיט, וואָס פון זײַנע אַמאָליקע געוועזענע שכנים, איז איצט קיינער ניט געבליבן. ניין, קיינער ניט.

דאָך — ווען ער האָט איצט כאָטש איינעם פון זיי: אַ שפּײַ צו טאָן אין פּרצוף!

אָבער קיינער באַווײַזט זיך ניט.

אַלע פאַרשווּנדן.

בלויז אין אַ ווינקל טולעט זיך פון שרעק אילזע, זײַן געוועזן, דייטשיש ווייב — אַ ווייב. ווי אַלע ווײַבער. דאָך, האָט זי געזינדיקט קעגן אים, געזינדיקט דערפאַר, וואָס זי איז ניט קיין יידישקע, וואָס זי האָט ניט פאַרלוירן אַזויפיל וויפיל ער — זײַן פאָלק.

האָט הערש־נטע זיך אַ האַסטיקן קער געטאָן צו אילזעס ווינקל, אַ האַסטיקן שפּײַ געטאָן אויף איר און פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר.

פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן, אומריין בלוט!

שניידט זיך דער צוג אין פאַרעיפּושטן אויר פון דייטשע וועגן. איילט הערש־נטע מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ צו זײַנע פּוילישע יידן. איילט זיי דערצײלן, וואָס ער האָט געזען אין בערלין דער שטאָט — געזען און געטאָן:

איבערגעריסן אינגאַנצן, יאָ, אינגאַנצן מיטן הער פעיגין — זײַן נאָמען איז הערש־נטע: אַ ייד פונם יידן־שטאַם, וואָס מאַכט־מיט דעם גורל פון זײַן פאָלק.

ווען הערש־נטע איז אַריינגעקומען אינם יידן־לאַגער, וועל־
כער ליגט אַרום נירנבערג, איז דורכן טויער פאַרבייגעפאָרן אַן
אויטאָ. האָבן בחורים אַראָפּגעשריגן פונדערהייך:

— להתראות!

— יאָ, יאָ, — האָט דער אַלטער הער פעיגין זיך אַ לאָז
געטאָן נאָכן אויטאָ מיט אַ טרייסלענדיקער האַנט — יאָ, יאָ,
קינדערלעך: להתראות בארצנו!

און אינווייניק, אינם לאַנגן באַראַק, האָבן אים אַרומגע־
רינגלט זיינע שכנים, אויסגעהערט, וואָס ער האָט דערציילט און
אים געטרייסט:

— זאָרגט ניט, רב הערש־נטע, זאָרגט ניט; אויך אונדזער
ריי וועט קומען, יאָ, זי וועט קומען...

אַ מידער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פעלד־
בעטל, איינגעדרעמלט מיט רעיונות פון אַזעלכן. וואָס הוידעט
זיך איבער וועגן — הוידעט זיך, וואָס־נענטער צום ציל —
להתראות... להתראות בארצנו...

מינכן, סעפטעמבער, 1947.

מ ע פ י ל י ם

.1

די גאַס איז אַריינגעוואָרפן אין אַ פּלאָנטער. אַ געווירבל פון מענטשן, טראַמווייען, אויטאָבוסן — אַלץ צוזאַמען דרייט זיך, הילכט. פּאַרטויבט ס'אויער.

נחמן איילט ערגעץ. שטופּט זיך פּאָראויס. די מענטשן־מאַסע שלעפּט אים צוריק. וואַרפט ער זיינע לאנגע עלנבויגנס פון רעכטס אויף לינקס. בייסט די ליפּן. קנייטשט ס'באַוואקסענע פּנים, דעם משופּעדיקן שטערן.

אויף זיין פּלייצע קוועטשט דער רוקזאַק, דריקט דער אָרום: אַ געדיכטער אויר אויסגעפּילט מיט שנאה —

דייטשן באַוועגן זייערע בייכער נאָך געלאַסענע טריט און ער, נחמן, שטויסט זיי, צעשטערט זייער נאָכמיטאָג־תענוג.

אַ ייד, אַ פרעמדער.

אַוודאי איז ער אַ פרעמדער, ווייל ער ניט זיין קיין אייגענער אָטאָ דאָ, אינם דייטשן לאנד, — נחמן פאַרענדיקט איצט זיין נע־ונד, זיין וואָגלען, וואָס ציט זיך פון דער פּערסישער גרענעץ אָן.

ער פאָרט אַהיים.

קיין ארץ ישראל.

— לאַסען זי דורך! —

טרייסלט ער מיט דער געדיכטער משופּרינע, מיטן רוק־זאַק, עלנבויגנס.

באַלד גייט־אָפּ דער צוג.
ער טאָר נים פאַרשפּעטיקן.

★

אויפן לינצער וואָקזאַל שטעלט זיך אַוועק פּאַר נחמנס אויגן — דער וואָקזאַל אין אשכאַבאַד:

מענטשן, קולות, פּעק, שטיקנדיקער אויר.

מיט איין חילוק בלויז, וואָס דאָרט, אין טורקמעניע, ביי דער פּערסישער גרענעץ, האָבן זיך געוואַלגערט אויפן וואָקזאַל טשייניקעס, טורקמענער מיט הויכע פּאַפּאַכעס, טרינקענדיק גרינעם טיי, שפּייענדיק מיט גרינס אַרום זיך — איז דאָ, פּאַר דער דייטשער גרענעץ, דער לינצער וואָקזאַל אויסגעפילט מיט מידע הינטלעך, טרינקען דייטשן ביר, פאַרשטאָפּנדיק דעם חלל מיט רויך פון שוואַרצע ציגאַרן.

זעקס טויזנט קילאָמעטער פון דער פּערסישער ביז דער דייטשער גרענעץ.

אויך דאָרט, אין אשכאַבאַד, האָט נחמן געזוכט אויפן וואָקזאַל דעם וועג, וועלכן ער זוכט איצט.

און ער דערמאָנט זיך:

פונם געפּרווירענעם סיביר ביז דער הייסער אוזבעקיסטאַן; די לאַנדקאַרטע אין פּאָרטפּעל: אשכאַבאַד אויף דער פּערסישער גרענעץ — בלויז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען — און אָט איז תל־אביב, ירושלים...

און נחמן, איינגעוויקלט אין וואַטענע לאַגער־מלבושים, שלעפּט נאָך זיך זיינע עטלעכע און צוואַנציק יאָר, רייסט זיך מיט זיי איבער שטעט, מויערן, וועגן. אין פּאָרטפּעל — אַ שטיקל פּאַפּיר: „באַפרייט פון לאַגער"; אַ קאַרטע פון דער וועלט: דאָ איז סיביר און דאָרט — תל־אביב.

איילט ער מיט צוגן איבער פעלדער. אָנהייב ניינצן צוויין פערציק.

סוף יאַנואַר ווערן די גלידער שטייף פון קעלט. די וואַטענע הלבשה פרעסט ס'לייב.

אָבער נחמן מוז דערפאַרן: פון פּערסיע ביז ירושלים — אַ שפּרונג. אַזוי ווייזט די קאַרטע.

און אַזוי ווייזט דער הימל:

רויך און שטויב פאַלט פון אים, קערט־איבער צונגן, מאַכט חרוב שטעט. און אין די צונגן, אין די שטעט, ווערן צעפּליקט מענטשן־לעבנס — יידן אָן אַ היים, וועלכע אַנטלויפן איצט פון דער פרעמד אין דער פרעמד אַריין. באָמבעס צערייסן זיך אויף יידישע קעפּ. היטלער פירט מלחמה קעגן יידן — היים־לאָזע יידן.

וואָלטן זיי, די דאָזיקע יידן, געטראַכט, ווי ער, נחמן, וואָלטן זיי ניט געווען היימלאָז: אשכאבאד, טעהעראַן און ווייטער — ירושלים...

איז ער דאַן מיט די דאזיקע געדאַנקען, געקומען אויפן וואָקזאַל. נאָנט צו דער פּערסישער גרענעץ.

און —

פון דאָרט האָט מען אים געשיקט אין אַ קאָזאַכישן קוילן־גרובן אַריין.

ווייל —

אַזוי האָט געפאָדערט ס׳געזעץ און קעגן געזעץ איז ער געווען שוואַך, נחמן — דער ב׳ייכער בחור, וואָס האָט קרוב צו די צוויי יאָר זיך דערצויגן אין אַן איבערדערציאונגס־לאַגער...

צוואנציק חדשים געשניטן וועלדער, איבערגעהאַלטן, דערנאָך אַכט חדשים געהאַקט קוילן — און אומעטום געהאדעוועט אין זיך איין געדאַנק:

וואָס אומנאָרמאַלע לעבן פון דעם ייד וועט פאַרשווינדן נאָר דאַן, ווען ער, דער ייד, וועט אַרבעטן אויף אייגענער ערד, אינם אייגענעם לאַנד.

✶

איצט וואַרט ער אויפן וואָקזאַל אין דער שטאָט לינץ. וואַרט אויף זיין גרופּע, כדי, צוזאַמען מיט איר, זיך לאָזן איבער

בערג און טאָלן, צעשניידן דעם ים. זיך איינשניידן אינם שוגאס בליק —

אַזעלכער איז דער וועג פון מעפּילים. אַ וועג, וואָס ציט זיך איבער סיביר, טורקמעניע און צוריק און ווידער נע־ונד און ווידער אויף דעם וועג. — אזוי האָט ער באַשלאָסן, נחמן און אַזוי וועט ער גיין — ביז ער וועט דערגיין!

אויפן וואָקזאַל האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג. אַ ריטשען פון הינט. אַ לאַרמען פון זייערע באַלעבאַטים.

ס׳איז אָנגעלאָפן דער צוג. וואָס פירט קיין זאַלצבורג.

ס׳איז געווען אין חודש סעפטעמבער ניינצן זעקסן פערציק.

.2

נחמנס איינציקע בקשה אָט איצט. ביים סוף פון זיין נע־ונד, איז — מנוחה; ער וויל רוען. זיך געפינען אין זיין אייגן ווינקל, מיט זיך אַליין. ער ווייס. אַז אַנדערש וועט עס שוין ניט ווערן, איז זיכער דערין — ער איז אַ מעפּיל; — דאָס איז זיין וועג. דער וועג פון יעדן ייד. וועלכער וויל. אַז יידיש פאָלק זאָל זיין, — יידיש פאָלק אין יידיש לאַנד — אַ חלום. וואָס וועבט זיך אין זיין מח יאָרן־לאַנג.

אַן ענין. וואָס ציט זיך פון קיבוץ־גראָכאָוו איבער סיביר און צוריק, — יאָרן. וועלכע האָבן געהאָדעוועט, געפּעסטיקט אין אים דעם געדאַנק. דעם זין פון אַ יונגן ייד — צו זיין מיט זיך און מיט אַלע צוזאַמען: מיט יידן צווישן יידן.

זיצט ער איצט ביים וואַגאָן־פענסטער. יעדער קער מיטן בליק — פאַרסמטער אויר, געשריי פון אַ פאָלק, וואָס הייבט זיך פון קברים אַרויס.

דער זומער פאַרעט אויף דייטשע פעלדער, האַלט פאַר־קלעמט די זון אויף בוים־שפּיצן. שטיין־בערג, וואַרפט אין אירע ברענענדיקע גלידער ווילדע פייגל, בייסיקע פליגן, וועלכע קילן זיך אַרום פאַרעיפּושטע וואַסערן. —

דייטשער סוף־זומער אין נחמנס אויגן.

און יידישער אָנהייב־פּרילינג, ווי ער זעט אים אין דמיון:
מוסקולירטע הענט, פּיס. היטן יידישע ערד, וואַלד און הימל — צעזונטער טאָג באַוואַכט מנוחהדיק ווינקל אין אייגע־נער היים.

יידישע היים!

דעם דאָזיקן לעצטן געדאַנק האָט נחמן אַרויסגעברענגט הויך, אויף אַ קול. און דעם דאָזיקן געדאַנק האָט אונטערגעהערט אַ בחור, וואָס איז געזעסן אויף יענער זייט וועגטל, הינטער נחמנען.

האָט ער זיך אויפגעשטעלט. דער בחור, פאַנאַנדערגע־וואָרפן געדיכטע האָר אויפן קאָפּ, צעשמייכלט קנייטשן אויף העלע באַקן און שטערן.

— שלום! — האָט ער זיך אַוועקגעזעצט נעבן נחמנען.

— שלום! — האָט נחמן געהאַלטן צווישן די פינגער דעם בחורס האַנט.

און איבער ביידנס פּנימער האָט גענומען אַרומלויפן אַ שמייכל, אַזעלכער, וואָס ציט זיך פון מויל־ווינקלען, גליטשט זיך צווישן שפּעלטעלעך, גריבעלעך, טאַנצט אַרום די אויגן און לסוף, בלייבט ער שטעקן ערגעץ אין אַ ווינקל פון די אויגן־גלעזער, אַרויסקוקנדיק פון דאָרט מיט אַ בליציקן גלאַנץ.

— דאַכט זיך אַ באַקאַנטער — האָבן ביידע גלייך אַרויס־געזאָגט.

און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַט וואָס:

אַמאָל. ווען וואַרשע איז געווען אַ שטאָט, ווען אויף דער גאַס פון דאָקטאָר זאַמענהאָף האָבן שפּאַצירט יידישע בחורים — האָט מען דאָן געזען אַרומשפּאַנען דאָרט אַ יונגן. גאָר יונגעטשקן בחור, אַ פּולן, אַ פּוכקן — הערשקע האָט מען אים גערופן: אַ קינד פון רייכע טאַטע־מאַמע — האָט מען געזאָגט וועגן אים. געווען איז דאָס מסתמא מיט אַ יאָר צען צוריק. און אַלט איז ער געווען דעמאָלט, הערשקע, מסתמא אַ יאָר אַכט — זומער. אַן אָפּגעברענטער פּול מיט זון און ווינטער — איינגעוויקלט אין פּוטער איבער די אויערן.

אַ רייך קינד.

דאָס אייגענע העלע פּנים. העלע האָר, גרויסע, צעשמייכל־טע אויגן.

געדענקען זיי זיך ביידע פון דער זאַמענהאָף־גאַס אין וואַרשע.

זיצן זיי ביידע איצט איינער קעגן אַנדערן, שמועסן, מכח פאַרגאַנגענע טעג און נעכט.

הערשקע רייסט איבער:

— פאָרסט אין „בית ביאליק"?

— יאָ. און דו?

— אויך.

— פאָרן מיר צוזאַמען.

— יאָ.

די נאָכמיטאָג־זון האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן שפּיץ פון אַ באַרג. אַריינגעקוקט אין וואַגאָן מיט אַ צעבלוטיקט אויג.

הערשקע איז געווען משעקאַווע צו וויסן:

— ביזט איינער אַליין?

— יאָ, אַליין — זיפצט נחמן — און דו?

— איינער אַליין.

זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויף איין באַנק. נאָענט איינער צום אַנדערן.

ביידע — יונגע בחורים, צוזאַמען — עפּעס אַריבער די פערציק.

ביי הערשקען האָט אַ דריטל פון זיינע יארן צוגענומען דער קאַצעט, ביי נחמנען — דער סטרויבאַט. איצט קענען זיי ס'לעבן. ווייסן זיי, אַז — דער שטאַרקער הערשט איבערן שוואַכן; ברוטאַל איז די וועלט און ברוטאַל מוז מען זיין קעגן איר. —

גיין קעגן שונא מיט אַלע כחות.

דערגיין צום ציל.

אויפן וועג פון מעפּילים.

3.

צווישן טאָג און נאַכט האָט זיך דער צוג אַוועקגעשטעלט אויפן פעראָן אין זאַלצבורג. די וואַגאָנעס האָבן זיך אויסגעליי־דיקט. דער אָוונט — אַ געלער, האָט פאַרבלאַסט די קאָנטורן פון הויכע מויערן אַרום וואָקזאַל, פאַרגעלט די פּנימער פון מענטשן, וואָס האָבן געאײַלט מיט רוק־זעק איבער פלייצעס.

און פון צווישן די דאָזיקע פּאַסאַזשירן, האָבן זיך אַרויס־געשיילט צעפלאָשעטע טשופּרינעס — יונגע בחורים מיט זוכנדיקע אויגן, מיט ניט זיכערע טריט: היימלאָזע, וואָס זוכן אַ היים.

דער פעראָן האָט זיך גענומען אָפּרייניקן. פון ערגעץ־ווו האָט זיך דערטראָגן דער לעצטער געביל פון אַ צעפּיעשטשעט הינטל, וואָס האָט באַגלייט זיין דייטשן באַלעבאָס און פון ערגעץ־ווו — אַ קרעכץ, וואָס האָט באַגלייט אַ יידישן בחור במשך יאָרן נע־ונד.

יידישע בחורים אויף אַ דייטשן וואָקזאַל.

— וווהין פאָרט איר, חברים? — האָט מען זיך דורכגע־וואָרפן מיט פרעגנדיקע בליקן.

— קיין ארץ־ישראל פאָרן מיר! — זיינען געקומען זיכערע ענטפערס.

— יאָ, אַלע, אַלע פאָרן מיר קיין ארץ־ישראל; אָבער דערווייל, היינט, מוז מען דאָך ערגעץ איבערנעכטיקן.

— קומט חברה, קומט — האָט איינער אַ בחור, אַ רוף געטאָן אויף אַ קול — מיר פאָרן אין „בית ביאליק".

— יאָ, יאָ — איז געוואָרן אַ פרייליכער טומל אויפן פעראָן — אין „בית ביאליק"; דאָרט איז דער זאַמל־פונקט.

*

נחמנס אַ האַנט איז געלעגן פאַרוויקלט אַרום הערשקעס אַקסלען. ביידע האָבן זיי געשפּאַנט צווישן בחורים, געטראַכט, מכח דעם פאַרלוירענעם נעכטן, וועלכן איינער האָט איבערגעלאָזט

צווישן געפרוירענע, לאַנגע. ווייסע נעכט און אַ צווייטער — אין רויך פון ברענענדיקן מענטשן־פלייש.

איצט טרעטן זיי אויף אַ זאַמדיקן וועג, צווישן שמאָלע הינטער־געסלעך — צום לאַגער. וואָס רופט זיך „בית־ביאַליק".

הערשקען איז באַקאַנט דער דאָזיקער וועג, דער וועג צווישן לאַגער־געצעלטן און שטעכיקן דראָט. אויך נחמנען איז דאָס דאָזיקע איינגעקריצט אין זכרון. דעריבער, טאָקע, דריקט אויף זיי ניט אַזוי שווער דער שוואַרצער הימל. וואָס האַלט אין זיך די הילצערנע, שמאָלע. לאַגער־געביידעס. וואָס גלאַנצט אַרויס פון בלאָטיקן וואַסער אַרום צעעפנטע טירן־פענסטער.

ס'ליגט נאַכט אויף לאַגער. און געזאַנג פון יונגע, יידישע בחורים פאַרטרייבט אומעט פון לאַגער־איינוווינער.

— הללו־יה! ה־ל־ל־ו־י־ה־ה!

גלייך ווערט דאָס דאָזיקע געזאַנג אונטערגעכאַפּט פון די פריש אָנגעקומענע. אַן אויסגעמיש פון קולות. אַ היימישקייט. ניט געסט זיינען געקומען דאָ אַהער. אייגענע צווישן אייגענע. און פון העלזער אַרויס רייסן זיך טענער — אַ פאַרבענקטער ניגון, אַ ניגון. וואָס פאַראייניקט פאַרשידענע דיאַלעקטן, וועלכער שרייט אַרויס דעם ווילן פון איבערבלייבעכץ נאָך אַ פאָלק:

— קול הנשמה־ה־ה תהלל י־י־ה הללו־יההה!

הינטער די פענסטער ליגט אַ שווערע. שוואַרצע מאַסע — נאַכט און אינווייניק, אין אַ גרויסן חלל. זיצן אַרום טישן די מעפּילים; פון זייערע אויגן אַרויס — אַ זיכערקייט. וועלכע דער־ציילט אַז, נאָך אַ טאָג צוויי — און עס וועט זיך אָנהייבן. דער אָנהייב פונם סוף.

אָפּגעגעסן, אויסגערוט. האָט מען פאַנאַנדערגערוקט די טישן, פאַרוויקלט האַנט אויף אַקסל. פאַנאַנדערגעוואָרפן פיס — און אַ „הוירא" האָט זיך צעטרייסלט איבער הילצערנעם דיל —

איין יונגע משפחה פאַרפלאָנטערט אין אַ טאַנץ — אַ נשמה־יתירהדיקן ריקוד: פעסטע. זיכערע טריט טרעטן אונטער זיך וואַקלדיקן באָרן. טאַנצן־אוים נאָגנדיקע בענקשאַפט צו אַ לאַנד וואָס ליגט ווייט, מיילן־ווייט און דאָך —

— אם אין אני לי־י־י מי ל־י־י!

יעדער פאַר זיך און אַלע צוזאַמען וועלן דערגרייכן צו די ברעגעס פונם דאָזיקן לאַנד.

יאָ, זיי וועלן דערגרייכן.

★

צונויפגעטולעט ליגן זיי ביידע, נחמן און הערשקע, אויפן שמאָלן פעלד־בעטל. פון דער זאַמענהאָף־גאַס, איבער לאַגערן, ביז צום איצטיקן לאַגער אין זאַלצבורג. הערשקע דערציילט און נחמן הערט: דעם לעצטן קרעכץ פון אַוועקפאַלנדיקע מענטשן אין ווייסע פּראָסטיקע נעכט; דערנאָך דערציילט נחמן און הערשקע הערט: געוויין אין שוואַרצע נעכט — אַ ודוי־זאָגן פון מענטשן, ערב־טויט. איינער הערט־אויס דעם צווייטנס איבער־לעבנישן און איטלעכער, אין זיך, פאַרגלייכט זיין מרה־שחורה־דיקן עבר מיטן חברס.

ביי ביידען זיינען צעטרעטן געוואָרן די קינדער־יאָרן און ביידע — איצט דערוואַקסענע — וואַרטן. עס זאָל פאַרביי די נאַכט, מען זאָל זיי אַ רוף טאָן — זיך אָפּנעמען פאַר זייער איצטיקער איינזאַמקייט.

4.

יאָרן־לאַנג, וואָס נחמן לעבט ניט בלויז מיט זיך, מיט זיין איינגענעם „איך" — ער זעט דעם כלל, דאָס פאָלק מיט זיין נאַציאָנאַלן שטייגער. אַזוי איז די וועלט איינגעשטעלט. און אַזוי מוז לעבן דאָס יידישע פאָלק: אויף אייגן לאַנד, אונטער אייגע־נער זון. נחמן איז ניט מחולק וועגן דער פאָרם, פרצוף, וואָס יידן דאַרפן נעמען אויף זיך; — אויף פרעמדער ערד הייסט דער דאָזיקער פרצוף — אַסימילאַציע; אינם אייגענעם לאַנד וועט מען דיסקוטירן. איינשטעלן די פאָרם וועלכע פאַסט זיך צום געשטאַלט, געבוי פונם כלל, און כדי דאָס דאָזיקע צו דערגרייכן, מוזן פאַר־שווינדן אַלע דיסקוסיעס, מוז אויפלעבן דער געדאַנק פון שיבת־

ציון — געדראַנג אַהיים. און די היים פאַר יידן איז ארץ ישראל — צו דעם שטיק ערד האָבן יידן טענות, פאָדערונגען — דאָס איז זייער.

אויך הערשקע איז מסכים מיט די דאָזיקע אויספירן פון זיין חבר.

שפאַנען זיי איצט ביידע איבער די בלאָטיקע וועגן פונם לאַגער „בית־ביאליק". פון דאָ און דאָרט איילן יידן מיט בלע־כענע פושקעס אין די הענט — ווער מיט הייסע וואַסער, ווער — מיט זופ, פון דער לאַגער־קיך.

די זון בלענדט דעם שניי אויף הויכע זאַלצבורגער בערג, טריקנט קינדערשע ווינדעלעך אויף טירן־פענסטער אַרום לאַגער־באַראַקן.

און אינווייניק, אין די געצעלטן, בייגן מאַמעס זייערע רוקנס איבער הילצערנע קעסטלעך, שטילן־איין געוויין פון קינ־דער אינם פאַרעיפושטן חלל פון דער לאַגער־וווינונג.

אויך נחמן און הערשקע און אַלע — די מעפילים — בענקען איצט שטאַרק, מיט דער גאַנצער יוגנט, צו פאַרגרעסערן זייער משפחה. אויפצולעבן צוריק דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן פונם נאָענטן מערב ביזן ווייטן מזרח: קברים פון טאַטע־מאַמע, ברידער־שוועסטער — אויפלעבן אַ משפחה־ווינקל פון מאַן־ווייב־קינד.

כדי דאָס דאָזיקע צו דערגרייכן — זאָגט נחמן — מוז מען געפינען אַ רואיק משפחה־ווינקל, אַ ווינקל, וועגן וועלכן מ׳זאָל קענען זאָגן: דאָס איז מיינס. קיינער וועט עס ניט צונעמען.

און דאָ, אין די לאַגערן, איז אפילו די זון אַ פרעמדע. דער טאָג — אויסגעפילט מיט דאגות. וועגן היים, אָנגעפילט מיט יאוש צום אייגענעם לעבן.

דעריבער, טאַקע, זען זיי איצט גאָרניט: דעם פרעמדן אַרום, דעם לאַגער און זיין לעבן. אויף וועלכן זיי שטעלן איצט זייערע לעצטע טריט, זייערע אויגן זיינען איצט איינגעשטאָכן אויף די פאַרשנייטע שפיצן פון הויכע בערג. אויף זייערע שפאַלטן, דורך וועלכע זיי וועלן זיך דראַפען דעם לעצטן וואַנדער־וועג — דעם וועג, וואָס מוז זיי פירן צו יענעם ווינקל, וועגן וועלכן זיי וועלן זיין ביכולת צו זאָגן: —

דאָס איז עס.
דאָ איז אונדזער היים.

.5

אַרום די ים־ברעגעס ליגן פאַנאַנדערגעוואָרפן שפּיציקע פעלזן, הויך, איבער די פעלזן, לייכטן פינטעלעך. וואָס טאַנצן איבער די ים־כוואַליעס.

נאַכט ליגט פאַנאַנדערגעשפּרייט אויף איטאַליעס אַ ים־ברעג.

און הויך, איבערן ים. איבער די פעלזן, אויף אַ באַרג. שטייט אַ מויער. אַן איינגעהויקערטע מויער. אַ שמייכלדיקע. וועלכע לאַכט מיט העלע. בליציקע ציין אַנטקעגן דער נאַכט. אַנטקעגן דעם ים —

דער זאַמל־פּונקט פאַר די מעפּילים. דער לעצטער פּונקט. פונוואַנען יידן ווערן אַריינגעזעצט אין קליינע שיפלעך. וועלכע פירן זיי צו איינער אַ גרויסער שיף און וועלכע שניידט מיט איר נאָז, דעם ים. די חשבון — צעשניידט גרענעצן. איילנדיק צו איינעם אַ פּונקט. וועלכער רופט זיך —

ארץ־ישראל.

און דאָס איז אַלץ.

און אין דעם דאָזיקן הויז אַריין האָט מען געברענגט נחמנען, הערשקען. געברענגט יידן פון אַלע וועלט־עקן.

זיצן זיי איצט ביידע אויף אַ שטיין, איינגעטונקען זייערע מידע קעפּ אין איטאַליעס נאַכט. שווער איצט אונטערצושיידן. וועלכעס איז שטאָט און וועלכעס — ים. נאָענט, כמעט איינס נעבן אַנדערן. ליגן די ברעגעס אַרום פאָרט, וואַרפן העלע פלעקן איבערן וואַסער־סאַמעט; צונויפגעטילעט. דושען זיך הייזער־מויערן איינס אויף אַנדערן. שיקן זייערע פייערן אין דער נאַכט.

קערן זיי די קעפּ פון רעכטס צו לינקס, — פון ים צו שטאָט און צוריק.

נחמן וויל וויסן:

— זאָג, הערשקע, האַ: ווי אַזוי ביזטו געוואָרן אַזוי גע־האַרטעוועט, האַ?

— אונטערן האַמער פון דעם, וואָס רופט זיך לעבן – ענטפערט הערשקע. קוקנדיק אויפן ים.

— און די זאַמענהאָף־גאַס. אין וואַרשע — האָסטו שוין איר פאַרגעסן?

— יאָ. ניין — זיפצט הערשקע — וואָס עפּעס פרעגסטו מיך איצט. מכח דעם־אָ?

— דערפאַר, ווייל כ׳האָב דיך ניט געקענט אָניאָגן אין די בערג.

אַ שווערן וועג געהאַט:

פון לאַגער „בית־ביאַליק" אין זאַלצבורג. ביז איטאַליעס ים־ברעג.

טיפע שפּאַלטן אין פעלזיקע בערג — וועגן אויסגעפלאַס־טערט מיט שפּיציקע שטיינער, באַוואקסן מיט מאָך. געשפּאַנט אַ נאַכט. אַ פרימאָרגן — איינס הינטער איינס: אַ לאַנגע מענטשן־ריי, זיפצנדיקע שאָטנס דראַפּנדיקע אויף באַרג־ווענט. איינער היט דעם צווייטנס טריט.

טריט. טריט. טריט.

ווו אַ קער מיטן פוס – אַ מענטשס בליק לויפט נאָך. באַוועגט זיין קערפּער נאָך די פיס, וואָס טרעטן פונפאַרנט, נאָך טריט. וואָס שטויסן אָפּ אונטער זיך טויזנט יאָריקע שטיינער –

עקשנותדיקע טריט טרעטן אויף אומבאַקאַנטע, פרעמדע וועגן, קנעטן־אויס אַ וועג פאַר נאָכקומענדיקע – פאַר מעפּילים.

— אוי, איז מיר געווען שווער — קרעכצט נחמן.

— און איך בין שוין געוווינט דערצו – קוקט הערשקע אויפן ים — יאָ. געוווינט.

איצט רוען זיי שוין באַלד אַ וואָך אין דעם דאָזיקן הויז. ביי איטאַליעס ים־ברעג.

זיי זיינען אומגעדולדיק. היינט גייט־אָפּ אַ טראַנספּאָרט. היינט קומט־אָן אַ שיף צום ברעג.

זיי זיינען אַריין אין הויז אויף אָוונט־ברויט.

שאַ.

אַלעמענס בליקן זיינען געווענדעט צו די פענסטער. דורך די פענסטער — אַ שווייגנדיקער ים. בליציקע פלעקן וואַלגערן זיך אויף אים, הוידען זיך, ווערן פאַרלאָשן און שיינען צוריק אויף.

אפשר איז דאָס זי, די שיף — די געגאַרטע שיף.

קיינער פרעגט נים. אַלע זיינען גרייט. אויך איז גרייט דער לבנה״שפיץ, וואָס קוקט אויפן ים. גרייט צו באַהאַלטן זיך הינ־טער אַ באַרג, נים שטערן די נאַכט אין איר סודותדיקער אַרבעט.

— הערשקע?

— וואָס, נחמן?

— דאָס הויז ווערט היינט אָפגערייניקט.

— פונוואַנען ווייסטו?

— יאָ, היינט. אינמיטן נאַכט.

☆

אינמיטן נאַכט:

דאָס הויז אויפן באַרג האָט פאַרלוירן זיין שמייכל, אים אַרשטעקט ערגעץ. ערנסטע פנימער זיינען פאַרזקט אין ווינקלען, טולען זיך צו היימישע, דריקן אויף זיך פלייצע־זועק. שושקען זיך אינדערשטיל.

רואיק.

ערשט נעכטן האָבן געטומלט אין דער דאָזיקער מויער, ביי איטאַליעס ים־ברעג, קרוב צו טויזנט מעפּילים.

היינט וואַרט איטלעכער, אומגעדולדיק. מ׳זאָל אויסרופן זיין נאָמען. דער „הגנה״־בחור זאָל אים נים פאַרפעלן. —

עס זאָל נאָר די שעה נים זיין!

און די שעה איז נים געקומען.

אַלעמענס נעמען האָט מען אויסגערופן. אַלע וואַרטן איצט אין אַ ריי, אַראָפּצושטייגן פון באַרג, איינצושטייגן אין די קליינע שיפלעך, וועלכע זאָלן זיי ברענגען צו דער גרויסער שיף.

אך די גרויסע שיף...

די נאַכט דריקט אויפן ים. פאַרשלינגט אין זיך די מעפּי־לים. העלפט זיי זיך אַראָפּלאָזן פון שמאָלע הילצערנע טרעפּ, וועלכע זיינען אויסגעטרעטן פון איטאַליענישע באָרוועסע פישער־יונגענס פיס.

אַ פישער־פונקט ביים ברעג ים. און איטאַליענישע פישער העלפן די מעפּילים איינשטייגן אין זייערע שיפלעך.

נחמן און הערשקע שפּאַנען אַקסל ביי אַקסל.

— טייערער הערשקע — שושקעט נחמן זיין חבר אין אויער — פון דער זאַמענהאָף־גאַס אין וואַרשע, איבער דייטשע לאַגערן און סיביר. ביז דאָ אַהער...

— און ווייטער — זאָגט הערשקע.

— יאָ. און ווייטער. ביז די ארץ־ישראל־ברעגעס...

מיט צוגעדריקטע אויגן־לעדלעך, האָבן קרוב צו טויזנט מע־פּילים זיך געוויגט איבער איטאַליעס ים, זיך געהוידעט אין קליינע שיפלעך, געחלומט פון אַ גרויסן ליכטיקן ים־ברעג, וואָס ליגט ווייט און דאָך — מיט דער האַנט צו דערגרייכן.

יאָ. מיט דער האַנט צו דערגרייכן.

ווארום, אָט שניידט זיך אַ גרויסע שיף איבער פרעמדע וואַסערן. גנבעט זיך אַוועק פון אַ פרעמדן פּאָרט. באַגלייט פון לבנה־שמייכל — שניידט זיך אין וואַסער־שוים צו יענעם ברעג, וועגן וועלכן ס'זיינען מתפּלל די מעפּילים אין אירע אינגעווייידן.

עס זאָל נאָר די שעה ניט קומען.

עס זאָל נאָר דער שונא ניט קומען...

הערשקע איז זיכער. אַז דער שונא וועט ניט קומען.

דאָס דאָזיקע זאָגט ער טאַקע איצט זיין חבר, נחמנען:

— איך בין געהאַרטעוועט געוואָרן אין מיין יוגנט. אויס־געטרעטן אַ וועג, כדי צו דערגרייכן צו דעם דאָזיקן וועג, אויף וועלכן עס פירט אונדז איצט די שיף...

— יאָ — זאָגןביידע — אם אין אני לי מי לי...

די נאָז פון דער שיף האָט זיך געשניטן צווישן כוואַלעס. איטאַליעס ברעג איז געבליבן פון הינטן, ביידע חברים האָבן זיך געטולעט אין זייער קאַיוטע, געחלומט וועגן אַ ליכטיקן פרימאָרגן, וועלכער וועט אַרויסשטויסן די נאַכט, זיי אַריינעמען אין זיך — אויף די ברעגעס פונם יידן־לאַנד.

פערענוואַלד, יאַנואַר, 1947.

פונם זעלביקן מחבר:

ד ע ר ש י נ ע ן

„ד י מ ש פ ח ה פ י נ ס ט ע ר"

פארווארט — משה שימעל

1939 ווארשע

מ א ט ר י צ י ר ט

„א ו ז ב ע ק י ס ט א ן"

1941 — 44.

ארויסגעגעבן אין פארלאג פון פועלי־ציון (צ. ס.) — התאחדות
אין דייטשלאנד

הילע געצייכנט — י. ד. ש י נ ז ו ן

Civil Affairs Division AG 383/7 GEC - AGO, Printed by
Schwäb. Landeszeitung GmbH, Augsburg, Ulmer Str. 160a

אינהאלט:

יהי זכרם ברוך! . . . . זייט 3

א טאג אזא . . . . „ 9

אין א בין־השמשות . . . . „ 21

פארצווייפלונג . . . . „ 29

פאַן זיגמונט פאלקאָווסקי . . „ 41

אָשר . . . . . „ 71

וועלטשע . . . . „ 85

פאַלמאַ . . . . „ 91

מיטן עשאלאן . . . . „ 97

הער פעיגין . . . . „ 107

מעפּילים . . . . „ 127